ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ ראש יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִיש

## פַּרְשַׁת וַיֵּרָא

תשפ"ד

321

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

וָואס זָאל אִיךְ יֶעצְט לֶערְנֶען וַוייטֶער? .......................................א

וַוארְטְן צוּ גֶעבְּן וַואקְסִינֶען פַאר דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי הוֹיבְּן אָן גֵיין אִין שׁוּלֶע?..........ה

וָואס טוּט מֶען וֶוען דָאס קִינְד אִיז אַ מְחֻצֶּפֶת?.......................................ו

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

זָאג יֶעדְן טָאג דִי תְּפִלָּה פַאר אַ שִׁידוּךְ, אֲפִילוּ אָן גֶעפִיל.......................................א

טְשֶׁעפֶּע נִישְׁט דַיין ווייבּ, אֲפִילוּ זִי עֶסְט דִיר אוֹיף דַיינֶע קִישְׁקֶעס .......................................ד

אַז דִי וַוייבּ שְׁמֵייכְלְט אוּן רֶעדְט וֵוייךְ, בְּרֶענְגְט זִי דִי שְׁכִינָה אִין שְׁטוּבּ.......................................ה

פַארְוָואס דַארְף דֶער מַאן לוֹיפְן צוּ אַלְקָאהָאל אוּן דְרָאגְס?.......................................ו

נָאר אַז מֶען הָאט אַ צַדִיק וָואס חַזֶר'ט אֱמוּנָה, קֶען מֶען זִיךְ רַאטֶעוֶוען .......................................ז

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט צוּ זַיין אַ שַׁבָּת בַּיי מַיינֶע עֶלְטֶערְן .......................................יב

בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר גוּטֶע שְׁכֵנִים אוּן חֲבֵרִים מִיט אֱמוּנַת חֲכָמִים.......................................יד

מִיט אַ בְּלֶעטְל גְמָרָא, דַארְף מֶען מֶער נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם מַבּוּל .......................................טו

זַיי פוּן דִי בָּחוּרִים וָואס זֶענֶען מְכַבֵּד דִי מַגִידֵי שִׁיעוּרִים אוּן רֶעדְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ .....טז

גֶעבְּן פַאר יֶעדְן קִינְד כְּסֵדֶר אַ גוּט וָוארְט אוּן אַ שְׁמֵייכְל .......................................טז

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר קִינְדֶער .......................................יז

וִויפִיל דוּ בִּיסְט נָאר גֶעפַאלְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען אוֹיךְ דִיר הֶעלְפְן.......................................יח

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי אַן אָרֶעמַאן בֶּעט זִיךְ פַאר אַ נְדָבָה....................................... יט

דִי וָואס הֶערְן זִיךְ צוּ בְּקוֹל הַצַדִיקִים, דִי וֶועלְן הָאבְּן לִיכְטִיגֶע עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת..........כ

זַיי נִישְׁט מְוַותֵּר אוֹיף דִי בְּלַאט גְמָרָא יֶעדְן טָאג ........................................ כא
דוּ קֶענְסְט נָאךְ הָאבְּן אַ זִיסֶע לֶעבְּן ........................................................ כב
קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דִי וֵוייטָאג פוּן אַ בָּחוּר וָואס וִויל חֲתוּנָה הָאבְּן ................. כג
דִי שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מַלְאָכִים וָואס קוּמֶען צוּם מֶענְטְשׁ וָואס שְׁמִידְט דִי נֶעגְל ................ כד
נָאכְן אַלֶעס פַארְלִירְן, זָאל מֶען בְּלַייבְּן פְרֵיילִיךְ אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה .......... כה
וֶועק זִיךְ אוֹיף, גֵיי אִין שׁוּל, טוּ אָן תְּפִילִין, אוּן גֵיי מִיט אַ טַלִית קָטָן ......................... כו
זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים ............................ כו
עֶס לוֹינְט נִישְׁט רֵייכֶערְן, אַז מֶען פַארְלִירְט דִי שְׁלוֹם בַּיִת ............................... כז
בַּאצָאל דַיין גַאנְצֶע חוֹב פוּן שְׂכַר לִימוּד ................................................... כח

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

### וָואס זָאל אִיךְ יֶעצְט לֶערְנֶען וַוייטֶער ?

**שְׁאֵלָה :**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן דִי פִּיר אוּן דְרַייסִיגְסְטֶע מָאל מִשְׁנַיוֹת, דִי זֶעקְסְטֶע מָאל תִּיקוּנֵי זוֹהַר אוּן דִי אַכְטֶע מָאל לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, בָּרוּךְ הַשֵּׁם.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וָואס אִיךְ זָאל לֶערְנֶען וַוייטֶער?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה :**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, ד׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווּאוֹיל אִיז דִיר אוּן ווּאוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ לֶערְנְסְט אַזוֹי פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דוּ לֶערְנְסְט מִשְׁנַיוֹת, תִּיקוּנִים מִיט לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן ; הָאסְט שׁוֹין אַזוֹיפִיל מָאל מְסַיֵּים גֶעוֶוען דִי הֵיילִיגֶע מִשְׁנַיוֹת, תִּיקוּנִים אוּן לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן.

שְׁטַארְק זִיךְ צוּ לֶערְנֶען וַוייטֶער דַיין גַאנְץ לֶעבְּן דִי דְרַיי שִׁיעוּרִים, מַאךְ זִיךְ שִׁיעוּרִים אִין אַנְדֶערֶע סְפָרִים אוֹיךְ, אָבֶּער דִי דְרַיי שִׁיעוּרִים זָאלְסְטוּ נִישְׁט אָפְּלָאזְן דַיין גַאנְץ לֶעבְּן ; הַלְוַאי זָאלְסְטוּ מְסַיֵּים זַיין יֶעדֶע חוֹדֶשׁ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, תִּיקוּנִים אוּן לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן. מוֹהֲרָא״שׁ הָאט זַייעֶר אַסַאךְ גֶעשְׁרִיבְּן פַאר דִי בָּחוּרִים אוּן אַבְרֵכִים אִין יַבְנְאֵל, זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן יֶעדֶע

חוֹדֶשׁ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, תִּיקּוּנֵי זוֹהַר אוּן לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, ווייל די דְרֵיי לִימּוּדִים הָאבְּן אַ סְפֶּעצִיעֶלֶער כֹּחַ צוּ רֵיינִיגְן אוּן זוּיבֶּערְן די נֶפֶשׁ רוּחַ וּנְשָׁמָה.

לֶערְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת. עֶס אִיז בַּאוְוּיסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער בֵּית יוֹסֵף זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ מַגִּיד פוּן הִימְל; אַ מַגִּיד פוּן הִימְל פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג קוּמֶען לֶערְנֶען מִיט אִים בִּזְכוּת וָואס עֶר פְלֶעגְט גוֹרֵס זַיין אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת. דֶער הֵיילִיגֶער בֵּית יוֹסֵף פְלֶעגְט זָאגְן זֵייעֶר אַסַאךְ מִשְׁנַיּוֹת, אַמָאל פֶערְצִיג פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת אוּן אַמָאל מֶער, אִיךְ וֶועל דִיר אַרָאפְּבְּרֶענְגֶען אֵיינְס פוּן די פִילֶע לְשׁוֹנוֹת אִינֶעם סֵפֶר מַגִּיד מֵישָׁרִים (מִשְׁלֵי סִימָן כג): "הִשְׁכַּמְתִּי כְּמִנְהָגִי לִקְרוֹת בַּמִּשְׁנָיוֹת, וְקָרִיתִי כְּמוֹ מ' פְּרָקִים", אוּן נָאכְדֶעם הָאט זִיךְ דֶער מַגִּיד צוּ אִים בַּאוִויזְן.

מִשְׁנַיּוֹת רַאטֶעוֶועט פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, סֵיי אוֹיף די וֶועלְט אוּן אוֹיךְ אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, עֶס רַאטֶעוֶועט מִדִּינָהּ שֶׁל גֵיהִנּוֹם. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער חִידָ"א זָאגְט (עַיֵּין מוֹרֶה בְּאֶצְבַּע סִימָן ב, אוֹת מב): "אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב יוֹשֵׁב עַל פִּתְחוֹ שֶׁל גֵיהִנּוֹם", אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב זִיצְט בַּיים טִיר פוּן גֵיהִנּוֹם, "וּמִי שֶׁהִרְבָּה לִלְמוֹד מִשְׁנַיּוֹת אֵינוֹ מַנִּיחוֹ לְהִכָּנֵס שָׁם", וֶוער עֶס הָאט גֶעלֶערְנְט מִשְׁנַיּוֹת לָאזְט עֶר נִישְׁט אַרַיין אִין גֵיהִנּוֹם; דֶער חִידָ"א טַייטְשְׁט מִיט דֶעם דֶער פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מט, כ): "מֵאָשֵׁר שְׁמֵנָה לַחְמוֹ", 'שְׁמֵנָה' אִיז די אוֹתִיּוֹת 'מִשְׁנָה', אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב - זַיין זַאךְ אִיז מִשְׁנַיּוֹת, "וְהוּא יִתֵּן מַעֲדַנֵּי מֶלֶךְ", וֶוער עֶס לֶערְנְט מִשְׁנַיּוֹת וֶועט עֶר אִים גֶעבְּן גַּן עֵדֶן.

נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג תִּיקּוּנֵי זוֹהַר. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רפה): "דֶער סֵפֶר תִּיקּוּנִים אִיז זֵייעֶר אַ הוֹיךְ סֵפֶר, זֵייעֶר אַ הֵיילִיג סֵפֶר". עֶס אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען אַ אִיד צוּם הֵיילִיגְן אֲרִיזַ"ל, עֶר הָאט אִים גֶעבֶּעטְן אַז עֶר דַארְף אַ תִּיקּוּן, עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין זֵייעֶר שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים רַחֲמָנָא לִצְלָן; הָאט אִים דֶער אֲרִיזַ"ל גֶעזָאגְט: "לֶערְן יֶעדְן טָאג פִינְף דַפִּים תִּיקּוּנִים, דָאס וֶועט דִיךְ מְתַקֵּן זַיין, דָאס וֶועט דִיךְ רֵיינִיגְן". הַלְוַאי אַז דוּ קֶענְסְט דָאס עֶנְדִיגְן יֶעדֶע חוֹדֶשׁ; אַז מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג בְּעֵרֶךְ צֶען צְוֶועלְף בְּלַאט (פוּן די הַיינְטִיגֶע דַפִּים) אִיז מֶען מְסַיֵּים יֶעדֶע חוֹדֶשׁ דֶעם סֵפֶר הַתִּקּוּנִים.

וְעַל כּוּלָם לֶערְן אַסַאךְ לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן יֶעדְן טָאג. דֶער הֵיילִיגֶער סֵפֶר וֶועט דִיךְ מַאכְן בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ וֶועסְט לֶעבְּן מִיט תְּשׁוּבָה אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן שמט): ״שֶׁיְּכוֹלִין לִהְיוֹת נַעֲשֶׂה בַּעַל תְּשׁוּבָה גָּמוּר עַל יְדֵי לִמּוּד הַסֵּפֶר שֶׁלּוֹ״, מֶען קֶען וֶוערְן אַן אֱמֶת׳עֶר בַּעַל תְּשׁוּבָה אַז מֶען לֶערְנְט לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן. ״וְאָמַר, שֶׁמִּי שֶׁיֵּשֵׁב וְיַעֲסֹק בִּסְפָרָיו רַק בְּלִי קִנְטוּר וְנִצָּחוֹן, וְיִסְתַּכֵּל בּוֹ בֶּאֱמֶת, אָז בְּוַדַּאי יִהְיוּ נִבְקָעִין אֶצְלוֹ כָּל גִּידֵי קַשְׁיוּת לְבָבוֹ, וְאָמַר בָּזוּ הַלָּשׁוֹן: ׳סֶע וֶועט אִים אַלֶע אָדֶערְן טְרֶענֶען׳״, אוּן וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר מִיט אַן אֱמֶת, וֶועט זִיךְ אִים עֶפֶענֶען אַלֶע פַארְשְׁטָאפְּטֶע אָדֶערְן, אוּן עֶר וֶועט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר צוּ לֶערְנֶען לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, אִין אָנְהוֹיבּ וֶועסְטוּ אֶפְשָׁר נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין יֶעדֶע זַאךְ, אָבֶּער עֶס דַארְף דִיר נִישְׁט שְׁטֶערְן, דוּ זָאג דִי וֶוערְטֶער, אוּן בַּיים סוֹף, נָאךְ אַפָּאר מָאל - וֶועסְטוּ אָנְהוֹיבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין.

דִי דְרֵיי לִימוּדִים זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג, אוּן פְּרוּבִּירְן צוּ מְסַיֵּים זַיין יֶעדְן חוֹדֶשׁ. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ״י אַיינְגֶעטֵיילְט אוֹיפְן וָואךְ, יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל. אוֹיךְ לֶערְן גְּמָרָא, סַיי דִי בְּלַאט גְּמָרָא אוּן סַיי נָאךְ אַ שִׁיעוּר שַׁ״ס כְּסִדְרָן. אוֹיךְ זָאג אַ יוֹם תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

דָא הָאסְטוּ אַ לוּחַ צוּ עֶנְדִיגְן יֶעדְן חוֹדֶשׁ לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן:

...

| טאג | פון סימן | ביז סימן |
|---|---|---|
| א | א | ו |
| ב | ו | ט |
| ג | ט | יג |
| ד | יג | יח |
| ה | יח | כא |
| ו | כא | כג |
| ז | כג | כט |
| ח | כט | לב |
| ט | לב | לח |
| י | לח | מט |
| יא | מט | נה |
| יב | נה | נז |
| יג | נז | סא |
| יד | סא | סד |
| טו | סד | סו |
| טז | סו | ע |
| יז | ע | עט |
| יח | עט | קו |
| יט | קו | קנא |
| כ | קנא | קצא |
| כא | קצא | רמו |
| כב | רמו | א (חלק ב) |
| כג | א | ה |
| כד | ה | ח |
| כה | ח | יז |
| כו | יז | מט |
| כז | מט | עב |
| כח | עב | פג |
| כט | פג | הסוף |
| ל | כל השיחות ממעלת תורתו שנדפס בסוף הספר | |

## וואַרטְן צו גֶעבְּן וואַקְסִינֶען פַאר דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי הוֹיבְּן אָן גֵיין אִין שוּלֶע?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ אִיךְ זָאל שׁוֹין יֶעצְט גֶעבְּן שַׁאטְס פַאר מַיין טָאכְטֶער? אָדֶער קֶען אִיךְ וַוארְטְן אַבִּיסְל בִּיז פַאר זִי גֵייט אִין סְקוּל?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ב׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ט׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

וָואס הָאט שַׁאטְס מִיט סְקוּל? שַׁאטְס גֶעבְּט מֶען פַאר גֶעזוּנְט, נִישְׁט וַוייל מֶען זָאל קֶענֶען שִׁיקְן דִי קִינְדֶער אִין סְקוּל; וָואלְט וֶוען שַׁאטְס גֶעוֶוען נִישְׁט קַיין גֶעזוּנְטֶע זַאךְ - וָואלְט מֶען וֶוען נִישְׁט גֶעטָארְט דָאס גֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער, אֲפִילוּ דִי מוֹסָד פַארְלַאנְגְט דָאס.

מִיר פִירְן זִיךְ צוּ גֶעבְּן שַׁאטְס אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, אֲפִילוּ אִינְמִיטְן ווִינְטֶער וֶוען עֶס אִיז זֵייעֶר קַאלְט (אִין אוּקְרֵיינָא אִין אַ גֶעוֶועגְלִיכְן ווִינְטֶער גֵייט אַרָאפּ דֶער גְרַאד בִּיז אוּנְטֶער זֶערָא; עֶס קֶען אֲפִילוּ אַרָאפְּגֵיין בִּיז דְרַייסִיג דֶעגְרִי אוּנְטֶער זֶערָא) - דַארְף מֶען נֶעמֶען דִי קִינְדֶער צוּם דָאקְטֶער זֵיי צוּ גֶעבְּן שַׁאטְס וְכוּ׳ (עַיֵּין בְּסֵפֶר אַבְנֵיהָ בַּרְזֶל, סִימָן לד).

מוֹהֲרַא״שׁ שְׁרַייבְּט קְלָאר (שו״ת בְּרֶסְלֶב חֵלֶק לב, מִכְתָּב ג׳ תתקפב): ״וְלָכֵן מֻכְרָחִים לְחַסֵּן אֶת הַיְלָדִים כְּשֶׁהֵם קְטַנִּים נֶגֶד כָּל מִינֵי מַחֲלוֹת וָחֳלָאִים רָעִים שֶׁנִּמְצָאִים וְכוּ׳״, מֶען מוּז גֶעבְּן שַׁאטְס פַאר דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען קְלֵיין קֶעגְן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע קְרֶענְק וְכוּ׳, ״וְאָסוּר לִהְיוֹת חָכָם בְּעֵינָיו״, אוּן נִישְׁט זַיין קַיין אוֹיבֶּער חָכָם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס טוט מֶען וֶוען דָאס קִינְד אִיז אַ מְחֻצֶּפֶת?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דוּרְךְ דִי שֵׂכֶל אוּן דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, הָאבּ אִיךְ פַּארְמִיטְן אִין מַיין קְלַאס אַ גַאנְצֶע פַּרְשָׁה פוּן אַ מְחֻצֶּפֶת, נִישְׁט גֶעפָּאלְגְט, אַרוֹיסְשִׁיקְן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

דִי מַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי, אַסַאךְ מָאל בַּיים דַאוֶונֶען גֵיי אִיךְ אַרוּם צוּ יֶעדֶע מֵיידְל'ס טִישְׁל, אוֹיבּ מֶען אִיז נִישְׁט אוֹיפְגֶעמִישְׁט צוּ דִי גוּטֶע פְּלַאץ, מִישׁ אִיךְ אוֹיף, אַ מֵיידְל וָואס דַאוֶונְט שֵׁיין, זָאג אִיךְ פְּשְׁשְׁשְׁ! הֶערְלִיךְ! אוּן דָאס גְלַייכְן.

הַיינְט קוּם אִיךְ אָן צוּ אֵיין מֵיידְל'ס טִישׁ, אִיר מַאנְטְל אוּן טַאשְׁקֶע לִיגְן אוֹיף דֶער עֶרְד, אִיךְ זָאג אִיר: "גֵיי הֶענְג שֵׁיין אוֹיף דַיין מַאנְטְל אוּן לֵייג דִי טַאשְׁקֶע אוֹיף דַיין בֶּענְקְל", זִי וַוייזְט מִיר 'נֵיין' מִיט אִיר אַקְסְל, הָאבּ אִיךְ נָאכְאַמָאל שֵׁיין גֶעזָאגְט: "הֵייבּ אוֹיף דַיינֶע זַאכְן אוּן לֵייג עֶס אוֹיפְן פְּלַאץ", זִי הָאט נָאכְאַמָאל גֶעזָאגְט 'נֵיין'. אִיךְ הָאבּ אִיר גֶעזָאגְט: "דָא דַארְף מֶען פָּאלְגְן", זִי הָאט עֶס אוֹיפְגֶעהוֹיבְן, אָבֶּער אַ מִינוּט שְׁפֶּעטֶער צוּרִיק אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַוֶועק גֶעדְרֵייט.

אַזַא מְחֻצֶּפֶת! אִיךְ הָאבּ כִּמְעַט אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט דָאס דַאוֶונֶען אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן וֶוערְן זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג, בִּיז אִיךְ וֶועל אוֹיסְפִירְן אוּן זִי וֶועט פָּאלְגְן, אָבֶּער גְלַייךְ דֶערְמַאן אִיךְ זִיךְ פוּן דִי הוּנְדֶערְטֶער שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אַז אִיךְ גֵיי גֵיין שְׁטֶערְן אַ גַאנְצֶע קְלַאס אוֹיבּ קֵיינֶער שְׁטֶערְט נִישְׁט, אָבֶּער זִי פָּאלְגְט דָאךְ נִישְׁט, וָואס טוּ אִיךְ דָא?

אִיךְ הָאבּ אִיר אַרוֹיפְגֶערוּפְן אוּן גֶעזָאגְט זִי זָאל מִיךְ וַוארְטְן אִינְדְרוֹיסְן, אִיךְ קוּם אַרוֹיס אוּן אִיךְ פְרֶעג אִיר פַארְוָואס זִי וִויל עֶס נִישְׁט לֵייגְן וואוּ מֶען דַארְף, זָאגְט זִי, וַוייל נָאכְדֶעם פַארְגֶעסְט זִי עֶס אַהֵיים צוּ נֶעמֶען... אִיךְ הָאבּ אִיר גֶעזָאגְט אַז מֶען גֵייט טְרַאכְטְן אַ גוּטֶע עֵצָה אַז זִי זָאל יָא גֶעדֶענְקֶען עֶס אַהֵיימְצוּנֶעמֶען, אוּן זִי אִיז צוּרִיק אַרַיין אִין קְלַאס, צוּפְרִידְן, דִי וואוֹילְסְטֶע מֵיידְל.

שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער; זִי וָואלְט גֶעקֶענְט וֶוערְן דִי גְרֶעסְטֶע מְחֻצֶּפֶת, אִיךְ וָואלְט גֶעהַאט אַזַא שְׁוֶוערֶע טָאג, אוּן אַלֶעס פַאר אַזַא נַארִישְׁקֵייט.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ב׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ט׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

וואוּיל אִיז אַייךְ אוּן וואוּיל אִיז אַייעֶר חֵלֶק אַז אִיר הָאט דִי זְכִיָה צוּ זַיין אַ לֶערֶערִין; לֶערְנֶען תּוֹרָה, אֱמוּנָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם מִיט אִידִישֶׁע טֶעכְטֶער. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ח:) אוֹיפְן פָּסוּק (דָּנִיֵּאל יב, ג): ״׳וּמַצְדִּיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים׳ אֵלּוּ מְלַמְּדֵי תִּינוֹקוֹת׳, אַ מְלַמֵּד אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ דִי שְׁטֶערְנְס, פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי מֶען קֶען נִישְׁט צֵיילְן דִי שְׁטֶערְנְס פוּן הִימְל, אַזוֹי אוֹיךְ קֶען מֶען נִישְׁט צֵיילְן דִי זְכוּתִים פוּן אַ לֶערֶערִין וָואס לֵייגְט אַרַיין אִין קִינְדֶער תּוֹרָה, תְּפִלָּה וְיִרְאַת שָׁמַיִם.

גֶעדֶענְקְט, קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט שְׁלֶעכְט, קִינְדֶער זֶענֶען קִינְדֶער; פוּן אֵיין זַייט דַארְף מֶען פַארְלַאנְגֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ, אוּן אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען אַז קִינְדֶער זֶענֶען קִינְדֶער, זֵיי ווִילְן אַלֶע זַיין גוּט, אוּן אַז מֶען וֶועט זֵיי לָאזְן זַיין גוּט וֶועלְן זֵיי אוֹיסְוַואקְסְן זֵייעֶר גוּט, מֶען דַארְף זֵיי גֶעטְרוֹיעֶן, זֵיי זָאלְן שְׁפִּירְן ווִי זֵיי זֶענֶען ווֶערְד אוּן אַז מֶען גְלֵייבְּט אִין זֵיי.

גֶעדֶענְקְט, פַאר דִי קִינְדֶער וָואס דַאוֶועֶנֶען אוּן פִירְן זִיךְ ווִי מֶען דַארְף - דַארְף מֶען אַייךְ נִישְׁט הָאבְּן פַאר אַ טִיטְשֶׁער, מֶען הָאט אַייךְ אוֹיפְגֶענוּמֶען נָאר פַאר דִי קִינְדֶער וָואס דַאוֶועֶנֶען נָאכְנִישְׁט אוּן זֶענֶען לֶעבֶּעדִיג, זֵיי ווִילְן נִישְׁט מֶען זָאל זֵיי אַיינְטֵיילְן ווִי זִיךְ צוּ פִירְן; פַאר זֵיי זֶענְט אִיר דָא, מִיט תְּפִלָּה אוּן מִיט אַבִּיסְל הַארְץ קֶען מֶען מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם מַצְלִיחַ זַיין.

אֵיידֶער אִיר גֵייט אִין סְקוּל צוּ לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער - זָאלְט אִיר זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר יֶעדְן קִינְד זָאל מַצְלִיחַ זַיין - וֶועט אִיר הָאבְּן אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע הַצְלָחָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**זָאג יֶעדְן טָאג דִי תְּפִלָּה פַאר אַ שִׁידוּךְ, אֲפִילוּ אָן גֶעפִיל**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת נֹחַ, ד' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

מַיין הַארְץ גֵייט אוֹיס פַאר דִיר, עֶס אִיז מִיר צֶערִיסְן אוֹיף שְׁטִיקֶער צוּ זֶען וִוי דוּ וַוארְסְט אוֹיף דַיין שִׁידוּךְ אַזוֹי לַאנְג, אוּן גָארְנִישְׁט רוּקְט זִיךְ נִישְׁט; עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַ יָאר אוּן נָאךְ אַ יָאר, אַלֶע דַיינֶע חֲבֵרִים מַאכְן שׁוֹין אָפְּשֶׁערְנְס, אוּן נָאךְ אַבִּיסְל אִיז שׁוֹין דָא בַּר מִצְוָה'ס - אוּן בַּיי דִיר גֵייט נִישְׁט קַיין שִׁידוּךְ.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער בְּרוּדֶער, אִיךְ הָאבּ דִיר נִישְׁט וָואס צוּ זָאגְן, אֵיין זַאךְ קֶען אִיךְ דִיר זָאגְן: "לָאז נִישְׁט אָפּ דִי אֱמוּנָה, לָאז נִישְׁט אָפּ דִי אֱמוּנַת חֲכָמִים אוּן חַס וְשָׁלוֹם אָפְּלָאזְן דַיינֶע עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם"; דוּ זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, מִיט דַיין שִׁיעוּר אִין חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת, גְמָרָא וְכוּ' וְכוּ', אוּן גֵיי וַוייטֶער הִתְבּוֹדְדוּת, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן.

אֵיין זַאךְ ווִיל אִיךְ פוּן דִיר, דוּ זָאלְסְט זִיךְ אוּנְטֶערְנֶעמֶען צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דִי תְּפִלָּה וָואס מוֹהֲרַ"ן הָאט גֶעשְׁרִיבְּן פַאר בָּחוּרִים וָואס זֶענֶען שׁוֹין הֶעכֶער צְוָואנְצִיג, וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידּוּשִׁין כט:) אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה אֵיידֶער דִי צְוָואנְצִיג - וֶועלְן דִי בֵּיינֶער צֶעגֵיין, מֶען שֶׁעלְט דֶעם בָּחוּר: "תִּפַּח עַצְמוֹתָיו"; מוֹהֲרַ"ן הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אַ מוֹרָא'דִיגֶע תְּפִלָּה, וִוי אִין דִי תְּפִלָּה טַעְנָה'ט מֶען זִיךְ אוֹיס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם,**

נִישְׁט גֶענוּג עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט קַיין שִׁידוּךְ, שֶׁעלְט מֶען מִיךְ אַז מַיינֶע בֵּיינֶער זָאלְן צֶעגֵיין? רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, נִישְׁט גֶענוּג אִיךְ פַּאל אִין עֲבֵירוֹת, אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין אָפְּגֶעהִיטְן, אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק שׁוֹין לֶעבְּן אַן עֶרְלִיכֶע לֶעבְּן, אַ גֶעזוּנְטֶע לֶעבְּן מַאן אוּן ווַייבּ - שֶׁעלְט מֶען מִיר..."

ווִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט מִיר זָאגְן אַז דוּ גֵייסְט יֶעדְן טָאג זָאגְן דִי תְּפִלָּה, עֶס מוּז נִישְׁט זַיין מִיט גֶעפִיל, דֶער עִיקָר, זָאלְסְט יֶעדְן טָאג זָאגְן דִי תְּפִלָּה; זָאג אִיךְ דִיר צוּ, עֶס וֶועט נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין קַיין סַאךְ צַייט אוּן דוּ וֶועסְט הָאבְּן דַיין שִׁידוּךְ.

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן שְׁנֶעל אוּן גְרִינְג אוּן נִישְׁט דַארְפְן וַוארְטְן מֶער אַזוֹי לַאנְג.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וֵוייס אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעפִירְט ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט אֵייבִּיג גֶעוֶוען אַזוֹי וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ. אִיךְ בֶּעט דִיר אָבֶער, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם אוּן צוּלִיבּ דֶעם צוּרִיק הַאלְטְן מַיין שִׁידוּךְ. זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גוּט גֶעטוּן, אוּן הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל שׁוֹין שְׁנֶעל חֲתוּנָה הָאבְּן, אוּן דָאס וֶועט מִיר הֶעלְפְן אוּן רַאטֶעוֶוען אַז אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט טוּן קַיין עֲבֵירוֹת אוּן אִיךְ זָאל שׁוֹין זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ.

וָואס זָאל אִיךְ טוּן, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם? פוּן מַיין זַייט בִּין אִיךְ גְרֵייט חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן הַיינְט נַאכְט! וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט גֶעטְרָאפְן מַיין שִׁידוּךְ? אִיךְ וַוארְט אוּן אִיךְ וַוארְט אוּן אִיךְ בֶּעט דִיר שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג אַז אִיךְ ווִיל שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן, אוּן דֶערְוַוייל אִיז עֶס נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען.

דִי חַזַ"ל זָאגְן אוּנְז אַז וֶוען אֵיינֶער הָאט חֲתוּנָה נָאךְ דִי צְוָואנְצִיג יָאר, וֶועט עֶר שׁוֹין זַיין גַאנְץ לֶעבְּן טְרַאכְטְן פוּן עֲבֵירוֹת, אוּן דוּ זָאגְסְט אוֹיף אַזַא מֶענְטְשׁ אַז זַיינֶע בֵּיינֶער זָאלְן צוּגֵיין. פַארְוָואס זָאל מִיר קוּמֶען אַזַא הַארְבֶּער עוֹנֶשׁ אַז אִיךְ זָאל מַיין גַאנְץ לֶעבְּן טְרַאכְטְן פוּן עֲבֵירוֹת, אוּן אַז מַיינֶע בֵּיינֶער זָאלְן צוּגֵיין? וָואס בִּין אִיךְ דֶען שׁוּלְדִיג? פַארְוָואס קוּמְט עֶס מִיר? אִיז מִיר

נִישְׁט גֶענוּג דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּיין אוּן וֵוייטָאג וָואס אִיךְ הָאבּ פוּן דֶעם אַלֵיין אַז אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט?

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן סַבְלָנוּת אוּן גֶעדוּלְד, אוּן אוֹיסְוַוארְטְן מִיט רוּאִיגְקֵייט בִּיז אִיךְ וֶועל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן. הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין קֻשְׁיוֹת אוֹיף דִיר. הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל גְלֵייבְּן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אַז דוּ טוּסְט אַלֶעס נָאר צוּם גוּטְן, אוּן יֶעדֶע זַאךְ הָאט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן, אוּן מִיט דֶעם זָאל אִיךְ זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט זַיין אַזוֹי צוּבְּרָאכְן פוּן מַיינֶע שְׁוֶוערִיקַייטְן.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, נָאר דוּ קֶענְסְט מִיר פַארְשְׁטֵיין! נָאר דוּ וֵוייסְט מַיינֶע גֶעפִילְן! ווִי אַזוֹי אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ אַזוֹי פַארְשֶׁעמְט אוּן דֶערְנִידֶערְט פוּן מִיר אַלֵיין! אַז אַלֶע מַיינֶע חֲבֵרִים הָאבְּן שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן נָאר אִיךְ בִּין גֶעבְּלִיבְּן אַלֵיין! הֶעלְף מִיר אַז דִי בִּזְיוֹנוֹת זָאלְן זַיין פַאר כַּפָּרַת עֲווֹנוֹת אַז מִיט דֶעם זָאל אִיךְ אָפְּקוּמֶען אַלֶע מַיינֶע עֲבֵירוֹת, אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט דַארְפְן לַיידְן אַזוֹיפִיל אוּן אִיךְ זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן בְּקָרוֹב.

אִיךְ וֵוייס אוּן אִיךְ גְלֵייבּ, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אַז דוּ וֶועסְט מִיר זִיכֶער נִישְׁט פַארְלָאזְן. סוֹף כָּל סוֹף וֶועל אִיךְ זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן. אוּן דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַז וֶוען אִיךְ וֶועל שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת, אִיךְ זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט קְרִיגְן אִינְדֶערְהֵיים, עֶס זָאל שְׁטֶענְדִיג הֶערְשְׁן בַּיי אוּנְז אַהֲבָה וְאַחֲוָה וְשָׁלוֹם וְרֵעוּת, מִיר זָאלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אוּן הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם, אוּן אִיךְ זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט דַארְפְן גֶעט'ן חַס וְשָׁלוֹם.

הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין אַ וַתְּרָן, אִיךְ זָאל אֵייבִּיג מְוַתֵּר זַיין אוּן נִישְׁט זִיךְ קְרִיגְן נָאר שְׁטֶענְדִיג אַרוֹיסְהֶעלְפְן. מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע הוֹיז, עֶס זָאל זִיךְ שְׁפִּירְן דִי שִׂמְחָה אִין דִי לוּפְט בַּיי אוּנְז אִינְדֶערְהֵיים. אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן גֶעזוּנְטֶע אוּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, אִיךְ זָאל זֵיי אוֹיפְצִיעֶן אוֹיפְן עֶרְלִיכְן אִידִישְׁן וֶועג אוּן זֶען אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת פוּן זֵיי. מַיין שְׁטוּבּ זָאל זַיין אָפְן פַאר אַנְדֶערֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַרַיינְצוּנֶעמֶען אוֹרְחִים אוּן צוּ טוּן אַסַאךְ צְדָקָה אוּן חֶסֶד.

הַיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, נֶעם אָן מַיין תְּפִלָּה, אוּן הֶעלְף מִיר שׁוֹין, אִין זְכוּת פוּן אַלֶע צַדִּיקִים וּבִפְרָט אִין דִי זְכוּת פוּן הַיילִיגְן רֶבִּי'ן רַבֵּנוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, [אוּן אִין זְכוּת פוּן רַבֵּנוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה בֶּן מְנַחֵם זְאֵב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס הָאט גֶעמַאכְט דִי תְּפִלָּה], אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן".

*

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**טְשֶׁעפֶּע נִישְׁט דַיין וַוייבּ, אֲפִילוּ זִי עֶסְט דִיר אוֹיף דַיינֶע קִישְׁקֶעס**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת נֹחַ, ד' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

טְשֶׁעפֶּע נִישְׁט דַיין וַוייבּ, אֲפִילוּ זִי עֶסְט דִיר אוֹיף דַיינֶע קִישְׁקֶעס. אִיךְ הָאבּ אִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו, זִי אִיז גְרֵייט זִיךְ צוּ טוֹישְׁן, וַוארְט מִיט סַבְלָנוּת, עֶס גֵייט נִישְׁט אִין אֵיין מִינוּט.

מַיין טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, וָואס וֶועט שׁוֹין זַיין וֶוען דַיין וַוייבּ וֶועט לֶעבְּן מִיט דִיר אַזוֹי וִוי דוּ ווילְסְט וְכוּ' וְכוּ'? וֶועסְטוּ נָאכְאַלְץ בְּלַייבְּן הוּנְגֶערִיג וְכוּ' וְכוּ', דוּ וֶועסְט וֶועלְן עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, אוּן אַז זִי וֶועט דִיר נָאכְגֶעבְּן - וֶועסְטוּ וַוייטֶער בְּלַייבְּן הוּנְגֶערִיג וְכוּ' וְכוּ'. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "דִי וֶועלְט אִיז נִישְׁט אוּן מֶען קֶען אִיר נִישְׁט בַּאקוּמֶען, תּוֹרָה תְּפִלָּה אִיז יָא אוּן מֶען קֶען אִיר יָא בַּאקוּמֶען", דִי וֶועלְט מַאכְט נִישְׁט זַאט, אַלֶעס אוֹיסֶער תּוֹרָה וּתְפִלָּה - מַאכְט נִישְׁט זַאט, וֶוען מֶען הָאט דָאס נִישְׁט מֵיינְט מֶען 'דָאס פֶּעלְט' אוּן 'נָאךְ דָאס פֶּעלְט', אָבֶּער בֶּאֱמֶת וֶוערְט מֶען נָאר זַאט, פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן - פוּן תּוֹרָה וּתְפִלָּה. נָאר אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין שִׁיעוּרֵי תּוֹרָה; אַ שִׁיעוּר אִין גְמָרָא, אַ בְּלַאט גְמָרָא יֶעדְן טָאג, אַ פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת וְכוּ' וְכוּ' - וֶועסְטוּ זַיין זַאט, צוּפְרִידְן אוּן פְרֵיילִיךְ.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַז דִי וַוייבּ שְׁמֵייכְלְט אוּן רֶעדְט וֵוייךְ, בְּרֶענְגְט זִי דִי שְׁכִינָה אִין שְׁטוּבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, ד׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן צְוֵויי מָאל אַייעֶר בְּרִיוו.

מַאכְט פְרֵיילִיךְ אַייעֶר מַאן, דָאס אִיז רָצוֹן הַשֵּׁם. רֶעדְט צוּ אִים שֵׁיין, רֶעדְט צוּ אִים וֵוייךְ. עֶר אִיז אַ טֵייעֶרֶע אִינְגֶערְמַאן, אַ שָׁאד זִיךְ צוּ קְרִיגְן, אַ שָׁאד וֶוען עֶס אִיז דָא גוּטֶע נַייעֶס, מֶען וַוארְט שׁוֹין, מֶען גְרֵייט זִיךְ צוּ אַ מַזָל טוֹב - זָאל מֶען זִיךְ קְרִיגְן אוּן זִיךְ שְׁטֶעכְן מִיט וֶוערְטֶער.

שָׁלוֹם בַּיִת אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין דִי וַוייבּ; אַז דִי וַוייבּ אִיז אַ קְלוּגֶע, זִי הָאט שֵׂכֶל, זִי זוּכְט דָאס גוּטְס אִין אִיר מַאן, זִי שְׁמֵייכְלְט אוּן רֶעדְט וֵוייךְ - בְּרֶענְגְט זִי דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה אִין שְׁטוּבּ.

אַ וַוייבּ קֶען אַסַאךְ גְרִינְגֶער טוֹישְׁן דֶעם מַאן וִוי דֶער מַאן זָאל טוֹישְׁן דִי וַוייבּ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נִדָּה לא:) אַ מַאן אִיז בַּאשַׁאפְן פוּן עֶרְד; עֶרְד אִיז וֵוייךְ, מֶען קֶען דָאס בֵּייגְן. אַ פְרוֹי אִיז בַּאשַׁאפְן פוּן בֵּיין; אַ בֵּיין קֶען מֶען נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל אוֹיסְבֵּייגְן; אַ פְרוֹי קֶען מִיט אַבִּיסְל שֵׂכֶל, מִיט שֵׁיין רֶעדְן, מִיט לִיבְּשַׁאפְט - אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דֶעם מַאן אוּן אִים מַאכְן פַאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, פַאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה פַארְצֵיילְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה יז, ז): "מַעֲשֶׂה בְּחָסִיד אֶחָד שֶׁהָיָה נָשׂוּי לַחֲסִידָה אַחַת, וְלֹא הֶעֱמִידוּ בָּנִים זֶה מִזֶּה, אָמְרוּ, אֵין אָנוּ מוֹעִילִים לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא כְּלוּם, עָמְדוּ וְגֵרְשׁוּ זֶה אֶת זֶה", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס אִיז גֶעוֶוען חֲתוּנָה גֶעהַאט צוּ אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי, עֶס אִיז אַרִיבֶּער לַאנְגֶע יָארְן וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶע׳גֶט. "הָלַךְ זֶה וְנָשָׂא רְשָׁעָה אַחַת, וְעָשְׂתָה אוֹתוֹ רָשָׁע", דֶער עֶרְלִיכֶער אִיד אִיז גֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט חֲתוּנָה

גֶעהַאט מִיט אַ שְׁלֶעכְטֶע פְרוֹי און זִי הָאט גֶעמַאכְט אַז אִיר מַאן דֶער צַדִּיק זָאל אוֹיךְ וֶוערְן אַ רָשָׁע, "הָלְכָה זֹאת וְנִשֵּׂאת לְרָשָׁע אֶחָד וְעָשְׂתָה אוֹתוֹ צַדִּיק", און דִי עֶרְלִיכֶע פְרוֹי הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ רָשָׁע און זִי הָאט אִים גֶעמַאכְט פַאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, "הֱוֵי שֶׁהַכֹּל מִן הָאִשָּׁה", זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אַלֶעס אִיז גֶעוָואנְדְן אִין דִי פְרוֹי.

דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**פַארְוָואס דַארְף דֶער מַאן לוֹיפְן צוּ אַלְקָאהָאל און דְרָאגְס?**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת נֹחַ, ד' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ זָאג נִישְׁט אַייעֶר מַאן אִיז גֶערֶעכְט מִיט דֶעם וָואס עֶר קוּמְט נִישְׁט אַהֵיים בַּיינַאכְט, מִיטְן טְרִינְקֶען אַלְקָאהָאל און מִיט נֶעמֶען פוּן דִי שֶׁעדְלִיכֶע דְרָאגְס, אָבֶער מֶען דַארְף אַרַיינְקוּקְן 'פַארְוָואס טוּט עֶר דָאס?'

עֶר אִיז אַ טֵייעֶר קִינְד, אַ גָאלְדֶענֶער מֶענְטְשׁ; אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט מִיט אִים, עֶר זָאגְט אַז דִי אַלֶע יָארְן וָואס עֶר לֶעבְּט מִיט אַייךְ פוּן דִי חֲתוּנָה - הָאט אִיר אִים אוֹיפְגֶעגֶעסְן דִי קִישְׁקֶעס. עֶר זָאגְט זַיין מֹחַ אִיז אוֹיסְגֶעבְּרֶענְט, אִיר פִירְט זִיךְ צוּ אִים וִוי אַ מַאמֶע צוּ אַ קִינְד, עֶס אִיז אִים אַזוֹי נִמְאָס דָאס לֶעבְּן, עֶר וִויל זִיךְ פָּשׁוּט הַרְגְ'עֶנֶען, דֶערִיבֶּער לוֹיפְט עֶר צוּ עֲבֵירוֹת, עֶר לוֹיפְט טְרִינְקֶען און נֶעמְט דְרָאגְס, אַלֶעס נָאר וַוייל אִיר שַׁאפְט אוֹיף אִים וִוי אַ הַאר שַׁאפְט אוֹיף אַ קְנֶעכְט.

נָאכְמָאל, אִיךְ גֶעבּ אִים נִישְׁט גֶערֶעכְט, אָבֶער אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי טָאר נִישְׁט שַׁאפְן אוֹיפְן מַאן, אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי מִיט אַבִּיסְל שֵׂכֶל וֵוייסְט דֶעם סוֹד וִוי אַזוֹי מֶען קֶען הָאבְן אַ לֶעבְּן פוּן גַן עֵדֶן; זִי הֵייבְּט אוֹיף אִיר מַאן, זִי שֶׁעצְט אִים, זִי אִיז נִישְׁט פַארְנוּמֶען מִיט זַיין רוּחָנִיּוּת, מִיט זַיין אִידִישְׁקֵייט, און בִּכְלַל וִוי אַזוֹי מֶען רֶעדְט, דִי בַּאנֶעמוּנְג (עֶדִיטוּד).

אַ שָׁאד אַז מֶען לֶערְנְט נִישְׁט אִין דִי סְקוּלְס דִי נוֹשֵׂא, מֶען לֶערְנְט מִיט דִי קִינְדֶער הֲבֵל הֲבָלִים, זַאכְן וָואס הָאט גָארְנִישְׁט מִיט דִי לֶעבְּן. מֶען וָואלְט וֶוען גֶעדַארְפְט רֶעדְן דְרָשׁוֹת אוֹיף דְרָשׁוֹת פַאר דִי קִינְדֶער פוּן יוּנְגֶערְהֵייט - וִוי אַזוֹי מֶען רֶעדְט צוּ אַ מַאן, וִוי אַזוֹי מֶען רֶעדְט צוּ עֶלְטֶערְן, וִוי אַזוֹי רֶעדְט מֶען אֲפִילוּ מִיט אַ חַבֶרְטֶ'ע, נִישְׁט רֶעדְן מִיט זִלְזוּל, נִישְׁט גְרִינְגְשֶׁעצְן אִין אַ צְוֵוייטְן, אַוֶועק מַאכְן, מַאכְן יֶענֶעם שְׁפִּירְן וִוי מִיסְט - וָואלְט מֶען גֶעקֶענְט אַיינְשְׁפָּארְן אַזוֹיפִיל פְּרָאבְּלֶעמֶען, עֶס וָואלְט נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין גִיטִין.

אִיר וֶועט פְרֶעגְן 'וָואס קֶען מֶען יֶעצְט טוּן?' מֶען קֶען נָאךְ יֶעצְט רַאטֶעוֶוען, עֶס וֶוענְדְט זִיךְ נָאר אִין אַייךְ; אִיךְ וֵוייס פֶעלֶער פוּן קְלוּגֶע פְרוֹיעֶן, בְּרֶסְלֶבְ'עֶר פְרוֹיעֶן וָואס זֵיי זֶענֶען אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע צַייטְן, דֶער מַאן הָאט גֶעהַאט שְׁוֶוערֶע טֶעג אִין אִידִישְׁקֵייט, זֵיי זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן פַאר זִיךְ שְׁטַארְק אִין אִידִישְׁקֵייט, אָבֶּער פַארְן מַאן זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען אַזוֹי וֵוייךְ, מִיט אַזוֹיפִיל חָכְמָה, גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט, זִיךְ פַארְמַאכְט דָאס מוֹיל, גֶעבִּיסְן דִי לִיפְּן אוּן שְׁטִילֶערְהֵייט גֶעוֵויינְט, שְׁטִילֶערְהֵייט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל אַרַיינְגֵיין אַ רוּחַ טָהֳרָה אִינֶעם מַאן, אוּן בַּיים סוֹף הָאבְּן זֵיי מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, זֵיי פִירְן הַיינְט שֵׁיינֶע מִשְׁפָּחוֹת.

מַיין הַארְץ אִיז אַזוֹי צֶערִיסְן, אִיךְ בֶּעט פַאר עֶנְק דִי שְׁטוּבּ זָאל נִישְׁט צֶעפַאלְן, עֶס זָאל בְּלַייבְּן אַ גַאנְצֶע שְׁטוּבּ, אוּן אַז אִיר וֶועט תְּשׁוּבָה טוּן, אִיר וֶועט אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּ אַייעֶר מַאן מִיט שֶׁעצוּנְג - קֶען מֶען עֶס נָאךְ רַאטֶעוֶוען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נָאר אַז מֶען הָאט אַ צַדִיק וָואס חַזֶר'ט אֱמוּנָה, קֶען מֶען זִיךְ רַאטֶעוֶוען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נֹחַ, ה' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק לְכָבוֹד מַיינֶע לִיבֶּע בְּרִידֶער פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ

פַּרְשַׁת נֹחַ אִיז אַ לִימוּד פַאר אוּנְז וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ רַאטֶעוֶוען פוּן דִי

מַבּוּל אִין יֶעדְן דוֹר, דֶער מַבּוּל אִיז נִישְׁט נָאר גֶעוֶוען אִין נֹחַ'ס צַייט, דֶער מַבּוּל אִיז אִין יֶעדֶע דוֹר בִּכְלָלִיּוּת אוּן בַּיי יֶעדֶע מֶענְטְשׁ בִּפְרָטִיּוּת, אוּן נָאר אַז מֶען הָאט אַ צַדִּיק וָואס חַזֶר'ט מִיטְן מֶענְטְשׁ אֱמוּנָה - קֶען מֶען זִיךְ רַאטֶעוֶוען.

מַיינֶע טֵייעֶרֶע בְּרִידֶער, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע נֵס יֶעדְן טָאג וָואס מִיר זֶענֶען נָאכְאַלְץ מְקוֹרָב אוּן מִיר הָאבְּן דִי תְּמִימוּת, מִיר לֶערְנֶען אוּן פָאלְגְן וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז. מֶען דַארְף יֶעדְן טָאג דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זֶענֶען מְקוֹרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, מֶען דַארְף יֶעדְן טָאג טַאנְצְן: "אַשְׁרֵינוּ שֶׁזָּכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּנוּ", אוּן וֶוען מִיר זֶעעֶן אַ חַבֵר זִיךְ אָפְּקִילְן פוּן רֶבִּי'ן, מִיר זֶעעֶן וִוי דֶער הָאט מֶער נִישְׁט דִי גֶעפִיל, אוּן דֶער אִיז שׁוֹין בַּיי דִי לֵצִים, אוּן מֶען וואוּנְדֶערְט זִיךְ 'וִוי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ? וִוי קֶען זַיין זִיךְ אָפְּקִילְן?' דַארְף מֶען זִיךְ עֶנְדֶערְשׁ וואוּנְדֶערְן 'וִוי קֶען זַיין אַז אִיךְ הָאבּ נָאךְ יָא דִי זְכִיָּ' צוּ זַיין בַּיים צַדִּיק? וִוי קֶען זַיין אַז אִיךְ וָואס אִיךְ דַארְף נָאךְ אַזוֹיפִיל תְּשׁוּבָה טוּן - הָאבּ דִי זְכִיָּ' צוּ וִויסְן פוּן אַזַא רֶבִּי?' אַזוֹי פְלֶעגְט רֶבִּי נָתָן זִיךְ אַלְץ פַארְוואוּנְדֶערְן, "וַאֲנִי - אִיךְ וִוי אַזוֹי אִיךְ בִּין אוּן וֶוער אִיךְ בִּין, וָואס עֶפֶּעס לָאזְט מֶען מִיר קוּמֶען צוּ אַזַא רֶבִּי? דָאס אִיז בְּרֹב חַסְדְּךָ אָבוֹא בֵיתֶךָ - דָאס אִיז חֲסָדִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, טֵייעֶרֶע בְּרִידֶער, אַז אִיר הֶערְט לָשׁוֹן הָרָע אוֹיף צַדִּיקִים זָאלְט אִיר זִיךְ גוּט אוֹיסְוַוייְנֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ה) דָאס וָואס מֶען הֶערְט רֶעדְן אוֹיף צַדִּיקִים לָשׁוֹן הָרָע, אוֹיף צַדִּיקִים וָואס זֶענֶען מְגַלֶּה וּמְפַרְסֵם דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה - דָאס אִיז נָאר וַוייל מֶען וִויל דֶעם מֶענְטְשׁ צוּרִיק הַאלְטְן פוּן קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן צוּלִיבּ זַיינֶע פִיל זִינְד. אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט (פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק, סִימָן תכא), דֶער שְׁוֶוער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זֵכֶר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה, הָרַב הַגָּאוֹן הַמְפוּרְסָם רֶבִּי דָוִד צְבִי אוֹיעֶרְבַּאךְ זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה פְלֶעגְט פָארְן צוּ צַדִּיקִים, קוֹדֶם אִיז עֶר גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן צַדִּיק רֶבִּי פִּנְחָס קָארִיצֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶס אִיז אִים זֵייעֶר גֶעפָאלְן דִי הַנְהָגָה פוּן דֶעם צַדִּיק, אָבֶּער עֶס הָאט אִים גֶעשְׁטֶערְט פַארְוָואס דִי חֲסִידִים דָארְט רֶעדְן קֶעגְן דֶעם צַדִּיק רֶבִּי מִיכָל זְלָאטְשׁוֹבֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶס הָאט אִים זֵייעֶר גֶעשְׁטֶערְט. הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַז עֶר וִויל גֵיין צוּם

צַדִּיק רֶבִּי מִיכְל זְלָאטְשׁוּבֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר וִויל זֶען וָואס דָארְט טוּט זִיךְ. וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ רֶבִּי מִיכְל זְלָאטְשׁוּבֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן צוּגֶעזֶען זַיין עֲבוֹדָה אִיז אִים זֵייעֶר גֶעפָאלְן זַיין הִתְנַהֲגוּת, אָבֶער עֶס הָאט אִים זֵייעֶר גֶעשְׁטֶערְט צוּ הֶערְן פוּן זַיינֶע חֲסִידִים לֵיצָנוּת אוֹיף רֶבִּי פִּנְחָס קָארִיצֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; עֶר הָאט גֶעזֶען אַז דֶער אִיז אָפְּגֶע׳פַּסְקְ׳נְט מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן וְכוּ׳ אוּן דֶער אִיז אָפְּגֶע׳פַּסְקְ׳נְט מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן, הָאט עֶר אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ גֵיין צוּ צַדִּיקִים אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן קֶעגְן אַלֶע צַדִּיקִים. עֶר פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג מַאכְן אַ סְעוּדָה מִיט זַיינֶע קִינְדֶער אוּן זֵיי אָנְוָוארֶענֶען זֵיי זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן צוּטוּן מִיט צַדִּיקִים, אוּן וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט פְלֶעגְט עֶר אוֹיךְ מִיטְהַאלְטְן דִי סְעוּדוֹת אוּן הֶערְן פֶּעךְ אוּן שְׁוֶועבְּל אוֹיף צַדִּיקִים.

עֶס הָאט זֵייעֶר גֶעשְׁטֶערְט פַאר רֶבִּי נָתָן, פַארְוָואס רֶעדְט מֶען אוֹיף צַדִּיקִים? וָואס אִיז דִי מַחֲלֹקֶת, וָואס פֶעלְט דָאס אוֹיס? אוּן וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען דֶעם עֶרְשְׁטְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם רֶבִּי׳ן, הָאט עֶר גֶעהֶערְט דִי תּוֹרָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳, סִימָן ה), דֶעמָאלְט אִיז אִים פַארֶענְטְפֶערְט גֶעוָוארְן דִי שְׁטַארְקֶע קַשְׁיָא וָואס הָאט אִים לַאנְגֶע יָארְן גֶעשְׁטֶערְט, דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט: "וְתַאֲמִין, כִּי כָּל מַצּוּתָא וּמְרִיבָה שֶׁיֵּשׁ בֵּין הַצַּדִּיקִים הַשְּׁלֵמִים אֵין זֶה אֶלָּא כְּדֵי שֶׁיְּגָרְשׁוּ סִטְרִין אָחֳרָנִין", דוּ דַארְפְסְט גְלֵייבְּן אַז אַלֶע מַחֲלֹקֶת וָואס אִיז דָא צְוִוישְׁן דִי צַדִּיקִים אִיז נָאר וַוייל מֶען וִויל דִיךְ פַארְטְרַייבְּן פוּן זֵיי, "כְּשֶׁאַתָּה שׁוֹמֵעַ מְרִיבוֹת שֶׁבֵּין הַצַּדִּיקִים תֵּדַע, שֶׁזֶּה מַשְׁמִיעִין אוֹתְךָ תּוֹכָחָה עַל שֶׁפְּגַמְתָּ בְּטִפֵּי מֹחֲךָ", וֶוען דוּ הֶערְסְט רֶעדְן אוֹיף צַדִּיקִים זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז דָאס אִיז נָאר וַוייל מֶען וִויל דוּ זָאלְסְט תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף וָואס דוּ הָאסְט פּוֹגֵם גֶעוֶוען; רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט דִי תּוֹרָה פוּן רֶבִּי׳ן אִיז מִיר גְלַייךְ פַארֶענְטְפֶערְט גֶעוָוארְן פַארְוָואס מֶען רֶעדְט אוֹיף צַדִּיקִים אוּן מֶען קְרִיגְט זִיךְ הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, נָאר מִיךְ צוּ פַארְטְרַייבְּן, אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט רָאוּי צוּ זַיין צְוִוישְׁן זֵיי".

וָואס מֵיינְט אִיר, וֶוער רֶעדְט אוֹיף צַדִּיקִים? וֶוער זֶענֶען דִי וָואס רֶעדְן אוֹיף צַדִּיקִים וָואס זֶענֶען זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ צוּ בְּרֶענְגֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם

אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי זֶענֶען גְרֵייט אַלֶעס צוּ פַאַרְלִירְן, אַבִּי נָאךְ אַ אִיד זָאל לֶעבְּן אַ זִיסֶע לֶעבְּן, לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אוּן פִירְן אַ שְׁטוּב מִיט קְדוּשָּׁה וְטָהֳרָה? וֶוער רֶעדְט? נָאר בַּעֲלֵי עֲבֵירָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן סא) וֶוער עֶס רֶעדְט אוֹיף צַדִּיקִים וָואס זֶענֶען מְגַלֶּה וּמְפַרְסֵם דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי וֶועלְט - אִיז אַ סִימָן אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ בַּעַל עֲבֵירָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט, דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (עֵירוּבִין כא:): "הַלּוֹעֵג עַל דִּבְרֵי חֲכָמִים", וֶוער עֶס שְׁפֶּעט אוֹיף צַדִּיקִים, "נִדּוֹן בְּצוֹאָה רוֹתַחַת", וֶועט בַּאשְׁטְרָאפְט וֶוערְן מִיט דִי סָארְט גֵיהִנוֹם; זָאגְט דֶער רֶבִּי פְּשַׁט, "הַלּוֹעֵג עַל דִּבְרֵי חֲכָמִים", וֶוער עֶס שְׁפֶּעט אוֹיף צַדִּיקִים - "נִדּוֹן בְּצוֹאָה רוֹתַחַת" אִיז אַ סִימָן אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זַיין מֹחַ אִיז פוּל מִיט שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן.

מַיינֶע לִיבֶּע בְּרִידֶער, אִיךְ בֶּענְק זִיךְ זֵייעֶר צוּ עֶנְק, אִיךְ ווִיל שׁוֹין קוּמֶען אַייךְ בַּאזוּכְן, אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ וֶועל אַייךְ נָאךְ טְרֶעפְן, אִיר וֶועט אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן לֵצִים וָואס רֶעדְן קֶעגְן הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים.

טַעֲנָה'ט נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, מַאכְט אַייךְ אַ חֶשְׁבּוֹן 'וֶוער בְּרֶענְגְט מִיךְ צוּ דִי תּוֹרָה, וֶוער שְׁלֶעפְּט מִיךְ צוּם חוּמָשׁ, צוּם מִשְׁנַיוֹת, צוּ דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא? וֶוער שְׁלֶעפְּט מִיךְ אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען? וֶוער אִיז מִיךְ מְחַזֵּק ווִי צוּ רֶעדְן אִין שְׁטוּב? וֶוער לֶערְנְט מִיךְ חָכְמַת הַחַיִּים ווִי זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן מֶענְטְשְׁן? זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן חוֹבוֹת, ווִיסְן ווִי צוּ לֶעבְּן, אוּן נָאךְ טוֹיזְנְטֶער טוֹיזְנְטֶער זַאכְן? זָאל אִיךְ גֵיין אוֹיסְהֶערְן לֵצִים וָואס ווִילְן בֶּאֱמֶת רֶעדְן קֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?' דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן לח) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים עג, ט): "שַׁתּוּ בַשָּׁמַיִם פִּיהֶם", זֵיי לֵייגְן זֵייעֶר מוֹיל אִין הִימְל, "וּלְשׁוֹנָם תִּהֲלַךְ בָּאָרֶץ", אוּן זֵייעֶר צִינְג גֵייט אוֹיף דֶער עֶרְד, דִי וָואס רֶעדְן אוֹיף צַדִּיקִים - זֵיי ווִילְן רֶעדְן אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער זֵיי שֶׁעמֶען זִיךְ צוּ רֶעדְן קֶעגְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶּער, רֶעדְן זֵיי אוֹיף צַדִּיקִים. דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק "שַׁתּוּ בַשָּׁמַיִם פִּיהֶם", דָאס וָואס זֵיי רֶעדְן מִיטְן מוֹיל - ווִילְן זֵיי רֶעדְן אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר זֵיי שֶׁעמֶען זִיךְ צוּ רֶעדְן אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - "לְשׁוֹנָם תִּהֲלַךְ בָּאָרֶץ", רֶעדְן זֵיי אוֹיף צַדִּיקִים, אָבֶּער בֶּאֱמֶת "שַׁתּוּ בַשָּׁמַיִם פִּיהֶם".

מַיינֶע הַארְצִיגֶע בְּרִידֶער, שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן, גֵייט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן אוּן זַייט אַייךְ מִתְבּוֹדֵד, רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַייעֶר שְׁפְּרַאךְ. בֶּעט אִים אַלֶעס וָואס שְׁטֶערְט, אַלֶעס וָואס בַּאדֶערְט, דֶערְצֵיילְט אַלֶעס, אוּן אַנְטְלוֹיפְט צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. מַאכְט אַייךְ שִׁיעוּרִים אִין חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת, גְּמָרָא וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן רֶעדְט נִישְׁט מִיט דִי אָפְּגֶעקִילְטֶע חֲסִידִים, וֶועט אַייךְ גוּט זַיין בְּזֶה וּבַבָּא, אוּן אַז נִישְׁט אִיז אַ גְרוֹיסֶע רַחְמָנוּת. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנד): "עַל שְׁנֵי כִּתּוֹת אֲנָשִׁים יֵשׁ לִי רַחֲמָנוּת גָּדוֹל עֲלֵיהֶם", אוֹיף צְוַויי גְרוּפֶּעס מֶענְטְשְׁן הָאבּ אִיךְ גְרוֹיס רַחְמָנוּת, "עַל אֵלּוּ אֲנָשִׁים שֶׁהָיוּ יְכוֹלִים לְהִתְקָרֵב אֵלַי וְאֵינָם מִתְקָרְבִים", אוֹיף דִי וָואס הָאבְּן גֶעקֶענְט מְקוֹרָב וֶוערְן צוּ מִיר אוּן וֶוערְן נִישְׁט מְקוֹרָב, "וְעַל אֵלּוּ הַמְקֹרָבִים אֵלַי וְאֵינָם מְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי", אוּן אוֹיף דִי וָואס זֶענֶען מְקוֹרָב צוּ מִיר אוּן פָאלְגְן מִיךְ נִישְׁט; "כִּי אֲנִי יוֹדֵעַ, שֶׁיִּהְיֶה עֵת, בְּעֵת שֶׁיִּהְיֶה הָאָדָם מֻנָּח עַל הָאָרֶץ עִם רַגְלָיו אֶל הַדֶּלֶת, אָז יִסְתַּכֵּל עַל עַצְמוֹ הֵיטֵב, וְיִתְחָרֵט מְאֹד מְאֹד עַל שֶׁלֹּא זָכָה לְהִתְקָרֵב אֵלַי, אוֹ שֶׁלֹּא קִיֵּם אֶת דְּבָרַי. כִּי אָז יֵדְעוּ שֶׁאִם הָיוּ מְקֹרָבִים אֵלַי וּמְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי, לֹא הָיָה שׁוּם דַּרְגָּא בָּעוֹלָם שֶׁלֹּא הָיִיתִי מְבִיאָם לְאוֹתָהּ הַמַּדְרֵגָה, אֲבָל לֹא יוֹעִיל אָז", וַוייל עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט לִיגְן מִיט דִי פִּיס צוּם טִיר, דָאס מֵיינְט וֶוען מֶען וֶועט שְׁטַארְבְּן - (וָואס דֶעמָאלְט לֵייגְט מֶען אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער עֶרְד מִיט דִי פִּיס אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּם טִיר), אוּן דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ דֶעמָאלְט אָנְקוּקְן וִוי אַזוֹי עֶר זֶעט אוֹיס, אוּן עֶר וֶועט חֲרָטָה הָאבְּן: ׳פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי׳ן? וֶוען אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי׳ן וָואלְט אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט׳, אָבֶּער עֶס וֶועט שׁוֹין זַיין צוּ שְׁפֶּעט.

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִי מַצָּב הַמִּלְחָמָה, אוֹיבּ עֶס אִיז אַ צַייט אִיךְ זָאל קוּמֶען.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

**אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָּאָה גֶעהַאט צוּ זַיין אַ שַׁבָּת בַּיי מַיינֶע עֶלְטֶערְן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת לֶךְ לְךָ, ז׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם שַׁבָּת פָּרָשַׁת נֹחַ בִּין אִיךְ גֶעוֶוען בַּיי מַיינֶע עֶלְטֶערְן, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָּאָה גֶעהַאט צוּ זַיין אַ שַׁבָּת בַּיי זֵיי, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַסַאךְ קוֹנֶה גֶעוֶוען וְוי צוּ פִירְן אַ שַׁבָּת טִישׁ מִיט שִׂמְחָה. מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ״א מַאכְט הֶערְלִיכֶע סְעוּדוֹת; מֶען זִינְגְט, מֶען רֶעדְט דִּבְרֵי תּוֹרָה, אוֹיךְ מַאכְט מֶען פְרֵיילִיךְ פַאר דִי קִינְדֶער, אַלֶע זִיצְן פִיל מִיט שִׂמְחָה.

שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין אוּנְזֶער שְׁטִיבְּל, מֶען הָאט אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט אַז עֶס וֶועט זַיין אַ שִׁיעוּר אוּם פִינְף דְרַייסִיג. מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט פוּן דִי בְּלֶעטְל וָואס דִי פֵייגְל הָאט צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט אִין אִיר מוֹיל, אוּן אַזוֹי הָאט נֹחַ גֶעווּאוּסְט אַז מֶען קֶען שׁוֹין אַרוֹיסְגֵיין, עֶס אִיז מֶער נִישְׁט קַיין סַכָּנָה. דָאס מֵיינְט מֶען דִי בְּלַאט גְמָרָא; אַז מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא, אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, מֶען זָאגְט דִי וֶוערְטֶער - דֶעמָאלְט וֶוערְט מֶען נִישְׁט פַארְשְׁוֶועמְט אִינֶעם מַבּוּל, אַזוֹי אוֹיךְ דִי בְּלֶעטְל פוּן רֶבִּינְ׳ס הִתְחַזְּקוּת אוּן עֵצוֹת.

מִיר הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, אַזוֹי וְוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין הִסְתַּלְּקוּת: ״עֶזְרָא הַסּוֹפֵר גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, (עֶזְרָא הַסּוֹפֵר אִיז נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת, רֶבִּי נָתָן הָאט מְרַמֵּז גֶעוֶוען אוֹיף זִיךְ אַז עֶר הָאט גֶעהַאט נִשְׁמַת עֶזְרָא הַסּוֹפֵר) אוּן טְרֵיף פָּסוּל אִיז זִיךְ מִתְגַּבֵּר, אַזוֹיפִיל וְוי עֶס אִיז הַיינְט דָא אֲלָפִים וּרְבָבוֹת טְרֵיף פָּסוּל; נָאר אִיךְ הָאף, אַז אֵיין בְּלֶעטְל פוּן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים וֶועט זַיין אַ תִּיקּוּן אוֹיף אַלְסְדִינְג״, דָאס אִיז דִי בְּלֶעטְל וָואס דִי טוֹיבֶּעלֶע הָאט גֶעבְּרֶענְגְט פַאר נֹחַ, אִים ווַייזְן אַז עֶס וֶועט קוּמֶען אַ רֶבִּי וָואס וֶועט רַאטֶעוֶוען דִי וֶועלְט פוּן וֶוערְן פַארְשְׁוֶועמְט.

עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק צוּ זִיצְן מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. דִי בָּארָא פַּארְקֶער חַבְרַיָּא אִיז זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע, מֶען הָאט זִיךְ לִיבּ, מֶען שְׁפִּירְט דָאס גְלַייךְ וְוי נָאר מֶען קוּמְט אַרַיין אִין שְׁטִיבְּל. מֶען דַארְף אָבֶּער אַסַאךְ תְּפִלָּה נִישְׁט צוּ

וֶוערְן פַארְשְׁלֶעפְּט פוּן דִי אַלֶע לָשׁוֹן הָרָע׳ס וָואס מֶען רֶעדְט אוֹיפְן רֶבִּי׳ן, מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען וָואס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף רֶבִּי נָתָן אוּן וָואס הָאט אִים דֶערְהַאלְטְן וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַלֶע לָשׁוֹן הָרָע׳ס. וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעקוּמֶען דֶעם עֶרְשְׁטְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם רֶבִּי׳ן, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה פוּן לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן (חֵלֶק א׳, סִימָן ה׳); פַאר רֶבִּי נָתָן אִיז פַארֶענְטְפֶערְט גֶעוָוארְן אַ שְׁטַארְקֶע קַשְׁיָא, עֶס הָאט אִים לַאנְגֶע יָארְן גֶעשְׁטֶערְט ׳וָואס אִיז דִי זַאךְ פוּן מַחֲלֹקֶת אוֹיף צַדִּיקִים? וָואס רֶעדְט מֶען אוֹיף צַדִּיקִים, וָואס דַארְף מֶען הֶערְן נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן?׳ אוּן דִי וֶוערְטֶער וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט "וְתַאֲמִין, כִּי כָּל מַצּוּתָא וּמְרִיבָה שֶׁיֵּשׁ בֵּין הַצַּדִּיקִים הַשְּׁלֵמִים אֵין זֶה אֶלָּא כְּדֵי שֶׁיְּגָרְשׁוּ סִטְרִין אָחֳרָנִין", דוּ דַארְפְסְט גְלֵייבְּן אַז דִי אַלֶע מַחֲלֹקֶת וָואס אִיז דָא צְוִוישְׁן דִי צַדִּיקִים דָאס אִיז נָאר וַוייל מֶען ווִיל דִיךְ פַארְטְרַייבְּן פוּן זֵיי, "כְּשֶׁאַתָּה שׁוֹמֵעַ מְרִיבוֹת שֶׁבֵּין הַצַּדִּיקִים תֵּדַע, שֶׁזֶּה מַשְׁמִיעִין אוֹתְךָ תּוֹכָחָה עַל שֶׁפָּגַמְתָּ בְּטִפֵּי מֹחֲךָ", וֶוען דוּ הֶערְסְט רֶעדְן אוֹיף צַדִּיקִים זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַז דָאס אִיז נָאר וַוייל מֶען ווִיל דוּ זָאלְסְט תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף וָואס דוּ הָאסְט פּוֹגֵם גֶעוֶוען; רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט דִי תּוֹרָה פוּן רֶבִּי׳ן אִיז מִיר גְלַייךְ פַארֶענְטְפֶערְט גֶעוָוארְן פַארְוָואס מֶען רֶעדְט אוֹיף צַדִּיקִים אוּן מֶען קְרִיגְט זִיךְ הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, נָאר מִיךְ צוּ פַארְטְרַייבְּן, אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט רָאוּי צוּ זַיין צְוִוישְׁן זֵיי".

אִיךְ בִּין צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּ מַיין טַאטֶע דַאוֶוענֶען, וַוייל דָאס אִיז מַיין מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם. אֲפִילוּ אִין דִי צַייטְן וָואס אִיז אַ חֲשִׁיבוּת צוּ דַאוֶוענֶען מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, ווִי צוּם בֵּיישְׁפִּיל יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת; אוֹיבּ בִּין אִיךְ אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי מַיינֶע עֶלְטֶערְן - בִּין אִיךְ גֶעבְּלִיבְּן דַאוֶוענֶען בַּיי זֵיי צוּלִיבּ כִּיבּוּד אָב וָאֵם. אֵיין יָאר הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר גֶעוָואלְט דַאוֶוענֶען מִיט מוֹהֲרָא"ש יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט הָאבְּן דִי זְכוּת פוּן נִיצוֹל וֶוערְן פוּן עוֹלָם הַתֹּהוּ, וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ אִים אִין דִי דְרֵיי זְמַנִּים ׳רֹאשׁ הַשָּׁנָה, שַׁבָּת חֲנוּכָּה אוּן שָׁבוּעוֹת׳ - וֶועט גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן עוֹלָם הַתֹּהוּ, בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען דַאוֶוענֶען וָתִיקִין בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ, אוּן נָאךְ וָתִיקִין בִּין אִיךְ גֶעבְּלִיבְּן אוֹיף אוּן מִיטְגֶעדַאוֶוענְט בַּיי

מַיין זֵיידֶע (נִישְׁט אִיבֶּער גֶעדַאוֶוענְט, נָאר זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען אַפָּאר שָׁעָה אוּנְטֶערְן טַלִית). אִיךְ הָאבּ גֶעזֶעוִויסְט אַז אוֹיבּ שְׁטֵיי אִיךְ אַיין בַּיי מַיינֶע עֶלְטֶערְן - דַארְף אִיךְ זֵיי זֵייעֶר מְכַבֵּד זַיין, אוּן אַז זֵיי וֶועט שְׁטֶערְן אַז אִיךְ גֵיי דַאוֶונֶען עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ - בִּין אִיךְ גֶעבְּלִיבְּן אוֹיף וְכוּ'.

שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי בִּין אִיךְ אוֹיךְ גֶעגַאנְגֶען צוּ אוּנְזֶער שְׁטִיבְּל, אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט אֲפִילוּ פַאר אַפָּאר מִינוּט זִיצְן אִין דִי פִיר וֶוענְט פוּן הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, לֶערְנֶען אַבִּיסְל מַיינֶע שִׁיעוּרִים, אָבֶּער עֶס אִיז גֶעוֶוען פַארְשְׁפַּארְט; בִּין אִיךְ צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען, אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט מַיינֶע שִׁיעוּרִים; חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, יוֹם תְּהִלִים, גְמָרָא, זוֹהַר, וְעוֹד - בַּיי מַיין טַאטֶע אִין שׁוּל.

דִיר בֶּעט אִיךְ זֵייעֶר, רוּף דַיינֶע עֶלְטֶערְן יֶעדְן טָאג, אוּן אַז דוּ וואוֹינְסְט נֶעבְּן זֵיי - זָאלְסְטוּ יֶעדְן טָאג זֵיי גֵיין בַּאגְרִיסְן, אֲפִילוּ פַאר אַ מִינוּט, גֵיין זָאגְן "אַ גוּט מָארְגְן", אָדֶער "אַ גוּטְן טָאג", אָדֶער "אַ גוּטְן אָוֶונְט", מְחַיֶ' זַיין עֶלְטֶערְן אוּן אַרוֹיסְהֶעלְפְן מִיט וָואס זֵיי דַארְפְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר גוּטֶע שְׁכֵנִים אוּן חֲבֵרִים מִיט אֱמוּנַת חֲכָמִים**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת לֶךְ לְךָ, ז' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

"אִם לַלֵּצִים", אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ דְרֵייט זִיךְ מִיט לֵצִים, "הוּא יָלִיץ", וֶועט עֶר אוֹיךְ וֶוערְן אַ לֵץ, "וְלַעֲנָוִים", אוּן אַז מֶען דְרֵייט זִיךְ מִיט עֶרְלִיכֶע אִידְן, - "יִתֶּן חֵן", וֶועט עֶר אוֹיךְ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן גֶעפִינֶען חֵן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס אוֹיגְן (מִשְׁלֵי ג, לד).

וַוייל אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט נָאךְ חֲבֵרִים אוּן שְׁכֵנִים, דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר גוּטֶע שְׁכֵנִים אוּן גוּטֶע חֲבֵרִים; שְׁכֵנִים אוּן חֲבֵרִים וָואס הָאבְּן אֱמוּנַת חֲכָמִים, וָואס שְׁפֶּעטְן נִישְׁט פוּן עֶרְלִיכֶע

אִידְן, און אויב מֶען הֶערְט שְׁפֶּעטְן פון צַדִיקִים וָואס זֶענֶען מְגַלֶה וּמְפַרְסֵם דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - זָאל מֶען אַנְטְלוֹיפְן פוּן זֵיי, אוּן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל נִישְׁט אָנְנֶעמֶען דִי לֵיצָנוּת, לָשׁוֹן הָרָע - אוֹיף צַדִיקִים, נָאר זַיין מִיט עֶרְלִיכֶע חֲבֵרִים, וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

...

## מִיט אַ בְּלֶעטְל גְמָרָא, דַארְף מֶען מֶער נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם מַבּוּל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם א' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ז' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן
**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, בָּארָא פַּארְק**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט דִיךְ צוּ טְרֶעפְן שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג זִיצְן אוּן לֶערְנֶען גְמָרָא אִין אוּנְזֶער שְׁטִיבְּל אִין בָּארָא פַּארְק.

דָאס אִיז 'תֵּבַת נֹחַ', קוּמֶען אִין שׁוּל לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, בִּפְרַט אִין אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר שְׁטִיבְּל; 'תֵּבַת נֹחַ' אִיז דֶעם רֶבִּינְ'ס ד' אַמּוֹת, נֹחַ'ס טַאטֶע הָאט אִים אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן: "נֹחַ, לֵאמֹר, זֶה יְ'נַחֲמֵנ'וּ" (בְּרֵאשִׁית ה, כט), דָא אִיז מְרוּמָז דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס נָאמֶען אִין דִי תּוֹרָה.

זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג גְמָרָא. עֶס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב צוּ לֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא וָואס אַלֶע לֶערְנֶען; אַז מֶען לֶערְנְט דֶעם דַף גְמָרָא קֶען מֶען זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט דִי שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת בָּזֶה הָעוֹלָם.

דִי יוֹנָה, דִי טוֹיבֶּעלֶע - אִיז גֶעקוּמֶען צוּ נֹחַ מִיט אַ בְּלֶעטֶעלֶע אִין מוֹיל; שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית ח, יא): "וַיֵּדַע נֹחַ כִּי קַלּוּ הַמַּיִם", אַז מֶען הָאט אַ בְּלֶעטְל גְמָרָא, מֶען זָאגְט דִי וֶוערְטֶער מִיטְן מוֹיל - דַארְף מֶען מֶער נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם מַבּוּל.

...

**זַיי פוּן דִי בָּחוּרִים וָואס זֶענֶען מְכַבֵּד דִי מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים אוּן רֶעדְן מִיט דֶּרֶךְ אֶרֶץ**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ח׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן **לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבָה קְטַנָּה תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ הָאסְט גֶעעֶנְדִיגְט דִי גַאנְצֶע חוּמָשׁ, חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה, אוּן לְכָבוֹד דִי יָאר הָאסְטוּ אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל חוּמָשׁ; דוּ לֶערְנְסְט יֶעדְן טָאג שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם אַיינְגֶעטֵיילְט לוֹיט דִי טֶעג פוּן דִי וָואךְ.

שְׁטַארְק זִיךְ בְּלִימוּד הַתּוֹרָה, לֶערְן יֶעדְן טָאג ח״י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים - וֶועסְטוּ אוֹיסְוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

פִּיר זִיךְ מִיט דֶּרֶךְ אֶרֶץ, זַיי פוּן דִי בָּחוּרִים וָואס זֶענֶען מְכַבֵּד דִי מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים אוּן רֶעדְן מִיט דֶּרֶךְ אֶרֶץ צוּ יֶעדְן דֶערְוַואקְסֶענֶעם מֶענְטְשׁ.

הָאסְט זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע שְׁרִיפְט, שְׁרַייבּ מִיר אַ בְּרִיוו כָאטְשִׁיג אֵיין מָאל אַ וָואךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**גֶעבְּן פַאר יֶעדְן קִינְד כְּסֵדֶר אַ גוּט וָוארְט אוּן אַ שְׁמֵייכְל**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ח׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן **לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, אוּן גֶעדֶענְק וָואס אִיז דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ פוּנֶעם מְנַהֵל; דָאס וִויכְטִיגְסְטֶע אִיז - אַרַיינְבְּלָאזְן אַ חַיּוּת אִין דִי מְלַמְּדִים, גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דִי מְלַמְּדִים, זֵיי זָאלְן טוּן דִי אַרְבֶּעט בְּנֶאֱמָנוּת. אוֹיךְ אִיז וִויכְטִיג דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ סְפֶּעצִיעֶלֶער שַׁיְיכוּת מִיט יֶעדֶע אֵיינְצִיגְסְטֶער קִינְד, גֶעבְּן פַאר יֶעדְן קִינְד כְּסֵדֶר אַ גוּט וָוארְט, אַ שְׁמֵייכְל, אוּן אַוַדַאי אוֹיסְלֶערְנֶען דֶּרֶךְ אֶרֶץ, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

בְּנוֹגֵעַ בְּרֶענְגֶען אַ סְפֶּעצִיעֶלֶער מְלַמֵּד פַּאר עִבְרִי, פַּאר דִי קִינְדֶער וָואס הָאבְּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעכַאפְּט אַזוֹי קְלָאר דִי עִבְרִי, דוּ פְרֶעגְסְט ווִי אַזוֹי מִיר זָאלְן עֶס אוֹיסְשְׁטֶעלְן; אִיךְ ווִיל עֶס זָאל גֵיין דוּרְךְ דִי מוֹסָד, דִי מוֹסָד וֶועט צָאלְן פַארְן מְלַמֵּד אוּן עֶס דַארְף גֵיין דוּרְךְ דִי מְנַהֵל; פִּינְקְטְלִיךְ דִי קִינְדֶער, אוּן אַוַדַאי וֶוער דֶער מוּמְחֶה זָאל זַיין וְכוּ'.

וּבְנוֹגֵעַ ווִי אַזוֹי מֶען מַאכְט אַז דֶער קִינְד זָאל נִישְׁט וֶוערְן פַארְשֶׁעמְט; מֶען קֶען מַאכְן פַאר אַ קוּנְץ צוּ קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן כִּתָּה. נָאר וֶוער עֶס אִיז ווּאוִיל - קֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן כִּתָּה צוּ דֶעם סְפֶּעצִיעֶלְן מְלַמֵּד.

בְּנוֹגֵעַ דִי קִינְדֶער וָואס ווִילְן נִישְׁט עֶסְן דִי עֶסְן וָואס מֶען גֶעבְּט אִין חֵדֶר, אוֹיבּ מֶען קֶען צְווִינְגֶען דָאס קִינְד צוּ עֶסְן; זָאל דֶער מְלַמֵּד שְׁמוּעֶסְן מִיט דִי עֶלְטֶערְן, וֶועט דָאס גֵיין גְרִינְגֶער.

הוֹיבּ אָן דַיין טָאג מִיט הִתְבּוֹדְדוּת; גֵיי אִין אַ ווִינְקֶל, זוּךְ אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ אוּן שְׁמוּעֶס אוֹיס דַיין הַארְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֶעבּ אִים אִיבֶּער דַיין טָאג, דַיין מִשְׁפָּחָה, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דִי גַאנְצֶע חֵדֶר, אַלֶע תַּלְמִידִים - וֶועט דִיר אַלֶעס גֵיין גְרִינְגֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ב' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ט' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

זָארְגְט נִישְׁט, אִיר וֶועט הָאבְּן קִינְדֶער, אוּן שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט אֱמוּנָה; חַזֶר'ט 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט אוּן עֶר מַאכְט נָאר גוּט'.

בְּנוֹגֵעַ גֵיין צוּם דָאקְטֶער אוּן וֶועגְן וִויטַאמִינֶען; אַז אַייעֶר מַאן ווִיל דָאס - זָאלְט אִיר אַוַדַאי אַזוֹי טוּן.

זָאגְט תְּהִלִים אוּן רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אַייעֶר שְׁפְּרַאךְ, בֶּעטְס פַאר

קִינְדֶער, טוט וָואס חַנָּה הָאט גֶעטוּן וֶוען זִי הָאט גֶעוָואלְט אַזוֹי שְׁטַארְק אַ קִינְד, זִי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶע׳טַעֲנָה׳עט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִי הָאט אַזוֹי שֵׁיין גֶעבֶּעטְן, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז מִיר לֶערְנֶען אַרוֹיס גַאנְצֶע הֲלָכוֹת אִין תְּפִלָּה - פוּן חַנָּה (בְּרָכוֹת לא.)

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן דִי גוּטֶע נַייעֶס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**ווִיפִיל דוּ בִּיסְט נָאר גֶעפַאלְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען אוֹיךְ דִיר הֶעלְפְן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ט׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט אַזוֹי אַרָאפְּגֶעפַאלְן רַחֲמָנָא לִצְלָן, דוּ בִּיסְט אַזוֹי פַארְכַאפְּט בַּיי דִי קְלִיפּוֹת, דַיינֶע אוֹיגְן זֶענֶען פַארְשְׁמִירְט מִיט קוּקְן ... רַחֲמָנָא לִצְלָן, דַיין מֹחַ אִיז אַזוֹי פַארְבְּרֶענְט; מִיט דֶעם אַלֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס אוּן עֶר קֶען דִיר אוֹיךְ הֶעלְפְן.

נֶעם דִי עֵצָה פוּן מוֹהֲרַא״שׁ, וָואס הָאט גֶענוּמֶען דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי׳ן, מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנָיוֹת; זָאג יֶעדְן טָאג אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן יט): ״שֶׁאֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן״, אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָׁה - עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, ״אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד״, אוֹיב וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג

׳כַּךְ וְכַךְ׳ - וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

זַיי זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַארְנוּמֶען, אִיךְ מוּז מְקַצֵר זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי אַן אָרֶעמַאן בֶּעט זִיךְ פַּאר אַ נְדָבָה**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ט׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַּאר רֶבִּי נָתָן (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תקנה): ״דוּ וֵוייסְט וֶועם דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיב? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אַ גֶעפְּרֶעגְלְטְן אִיד״; אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ, אִים הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לִיבּ.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה; אֲפִילוּ עֶס גֵייט אוֹיף דִיר אַרִיבֶּער שְׁוֶועריִקַייטְן אוּן דוּ שְׁפִּירְסְט אַז דוּ קֶענְסְט עֶס נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַּאר רֶבִּי נָתָן (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן רעט): ״אַז עֶס אִיז גָאר בִּיטֶער אִיז מֶען זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְבַטֵל״, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי׳ן: ״אֵיךְ מְבַטְּלִין עַצְמוֹ״, וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זִיךְ מְבַטֵּל? הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: ״מֶען פַארְמַאכְט זִיךְ דָאס מוֹיל אוּן דִי אוֹיגְן - דָאס אִיז בִּיטוּל״.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַארְנוּמֶען, אִיךְ מוּז מְקַצֵר זַיין; אֵיין זַאךְ קֶען אִיךְ דִיר זָאגְן, זֶעסְט מַיין שְׁמֵייכְל? וָואס וֵוייסְטוּ וָואס טוּט זִיךְ אוּנְטֶער דִי שְׁמֵייכְל? אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן אִיךְ קֶען דִיר נִישְׁט שְׁרַייבְּן וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר, וָואס טוּ אִיךְ? אִיךְ טוּ וָואס מוֹהֲרָא״שׁ הָאט מִיר גֶעלֶערְנְט; גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן אוּן אִים בֶּעטְן אַזוֹי וִוי אַן אָרֶעמַאן בֶּעט זִיךְ פַּאר אַ נְדָבָה, אוּן פוּן אִינְדְרוֹיסְן דֶערְהַאלְט אִיךְ זִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי וָואס הֶערְן זִיךְ צוּ בְּקוֹל הַצַּדִּיקִים, דִי וֶועלְן הָאבְּן לִיכְטִיגֶע עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, י׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, מַיין הַארְצִיגֶער חַבֵר, וֶועק זִיךְ אוֹיף פוּן שְׁלָאף; עֶס אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט צוּ זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם טֶעלֶעפָאן, קוּקְן נַייעֶס, קוּקְן דִי בָּאל גֶעים, קוּקְן סְטֶעטוּס וְכוּ׳ וְכוּ׳; עֶס אִיז נִישְׁט גוּט - נִישְׁט פַאר שָׁלוֹם בַּיִת, נִישְׁט פַאר חִינוּךְ הַיְלָדִים, נִישְׁט פַאר זַיין עֶרְלִיךְ, עֶס מַאכְט אַ חוּרְבְּן אִין יֶעדֶע פִּינְטְל פוּן לֶעבְּן.

וֶוען וֶועסְטוּ זִיךְ כַאפְּן אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט אִין אָרְדֶענוּנְג מִיטְן זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דִי טֶעלֶעפָאן פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה? וֶוען?! וֶוען דַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן אָפְּלָאזְן אִידִישְׁקֵייט? וֶוען דַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן אַנְטְלוֹיפְן פוּן שְׁטוּבּ? וֶוען? זָאג מִיר, וֶוען וֶועסְטוּ צוּרִיק וֶוערְן דִיךְ?!

מֵילָא דַיין וַוייבּ, זִי אִיז דָאךְ בַּיי דִיר נִישְׁט וֶוערְד אַז דוּ זָאלְסְט צוּלִיבּ אִיר זִיךְ טוּישְׁן, מֵילָא אִידִישְׁקֵייט אִיז אוֹיךְ נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט, שְׁמִירַת עֵינַיִם אִיז אָפְּגֶערֶעדְט; לִיבֶּער בְּרוּדֶער - אָבֶּער פַאר דַיינֶע קִינְדֶער, פַאר דַיין שְׁטוּבּ...

זֶעכְצִיג יָאר צוּרִיק הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פוּן סַאטְמֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַזוֹי גֶעוֵויינְט מֶען זָאל נִישְׁט אַרַיינְנֶעמֶען אִין שְׁטוּבּ טֶעלֶעוִויזְשְׁן, דִי וָואס הָאבְּן גֶעפָאלְגְט - דִי הָאבְּן אִיבֶּערְגֶעלָאזְט עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת, אוּן דִי אוֹיבֶּער חֲכָמִים הָאבְּן הַיינְט אֶפְשָׁר אַן אֵיינִיקְל וָואס גֵייט פַאר אֵיין שָׁעָה זוּנְטָאג אִין אַ הִיבְּרוּ דֶעי-סְקוּל; אַזוֹי אִיז הַיינְט, דִי וָואס הֶערְן זִיךְ צוּ בְּקוֹל הַצַּדִּיקִים, מֶען טֵיילְט אָפּ דִי שְׁטוּבּ פוּן דִי פַּרְנָסָה; פַּרְנָסָה אִיז אֵיין זַאךְ אוּן דִי שְׁטוּבּ אִיז אַ צְוֵוייטֶע זַאךְ, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אִין שׁוּל, מֶען טֵיילְט אָפּ דִי פַּרְנָסָה

פוּן דִי שׁוּל, אִין שׁוּל הָאט מֶען נִישְׁט דִי אָפִּיס, מִיט דִי נֵייעֶס, וויצְן וְכוּ׳ וְכוּ׳; וֶוען מֶען דַאוֶוענְט פַּארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּרֶענְגְט מֶען נִישְׁט מִיט זִיךְ דֶעם טֶעלֶעפָאן - דִי וֶועלְן הָאבְּן לִיכְטִיגֶע עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

גֵיי שְׁרֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מַאכְן אַ נֵס דוּ זָאלְסְט הָאבְּן דִי כֹּחוֹת צוּ גֶעבְּן אַ דְרֵיי דַיין לֶעבְּן, דַיין שְׁטוּב, דַיינֶע חֲבֵרִים - אוֹיף דִי גוּטֶע זַייט.

אִיךְ גֵיי אַרִיבֶּער גוּטֶע צִיפֶּעדִיגֶע טֶעג, אָבֶּער דָאס שְׁטֶעלְט מִיךְ נִישְׁט אָפּ פַּאר קַיין אֵיין רֶגַע פוּן וַוייטֶער טוּן וָואס מוֹהֲרַא"שׁ הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן טוּן; סַיי מִיט דִי בָּחוּרִים, סַיי מִיט דִי קִינְדֶער. דִי יְשִׁיבָה אִיז אִין אַ מַצָּב וָואס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען, מִיר זֶענֶען אַרַיין אִין דִי זִיבֶּעצְנְסְטֶע יָאר כְּמִנְיַן טוֹ"ב, עֶס זֶענֶען אַרַיינְגֶעקוּמֶען פְרִישֶׁע בָּחוּרִים, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דִי בָּחוּרִים פוּן פַארְיָאר - אַלֶע לֶערְנֶען מִיט אַזַא הַתְמָדָה, אַלֶע לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת, גְמָרָא, תְּהִלִּים, דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים. נִישְׁטָא קַיין בָּחוּרִים וָואס זֶענֶען אַיינְגֶעטִינְקֶען אִין פָּאלִיטִיק, נִישְׁטָא דִי וָואס זֶענֶען פַארְנוּמֶען מִיט לָשׁוֹן הָרָע אוּן לֵיצָנוּת. אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן אַז הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ זָאל זִיךְ אוֹיסְרֵיינִיגְן פוּן לֵצִים, בָּרוּךְ הַשֵּׁם צוּבִּיסְלִיךְ וֶוערְט עֶס צוּרִיק שֵׁיין אוּן רֵיין, דִי לֵצִים אַנְטְלוֹיפְן אוּן דִי עֶרְלִיכֶע בְּלַייבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זַיי נִישְׁט מְוַותֵּר אוֹיף דִי בְּלַאט גְמָרָא יֶעדְן טָאג

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, י׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

הֶער וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי נָתָן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "כָּל זְמַן מֶען וֶועט זִיךְ הַאלְטְן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אֲפִילוּ דֶער גְרֶעסְטֶער בַּעַל עֲבֵירָה - וֶועט מֶען אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן". אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט דִי וָואךְ אִין דִי פַּרְשָׁה (דַף עט.): "כָּל זִמְנָא דַּהֲוָה לוֹט בַּהֲדֵיהּ", דִי גַאנְצֶע צַייט וָואס לוֹט אִיז גֶעוֶוען מִיט אַבְרָהָם אָבִינוּ, "לָא אִתְחַבַּר בַּהֲדֵי רַשִׁיעַיָּא", הָאט

ער זיך נישט באפריינדעט מיט די רשעים, "כֵּיוָן דְּאִתְפְּרַשׁ מִנֵּיהּ", און ווי נאר ער האט זיך אפגעשיידט פונעם צדיק אברהם אבינו, "מַה כְּתִיב", וואס שטייט? "'וַיִּבְחַר לוֹ לוֹט אֶת כָּל כִּכַּר הַיַּרְדֵּן', וּכְתִיב 'וַיֶּאֱהַל עַד סְדוֹם', מַה כְּתִיב בַּתְרֵיהּ 'וְאַנְשֵׁי סְדוֹם רָעִים וְחַטָּאִים לַה' מְאֹד'", איז ער אנגעקומען צו די רשעים פון סדום.

איך וויל דיר זאגן וואס גייט יעצט פאר ביי אונז אין די מוסד, מען צאלט שוין נישט אפאר וואכן די איינגעשטעלטע, וויל איך דיר בעטן זאלסט לייגן שכר לימוד די ערשטע זאך צו באצאלן; וואלטן אלע עלטערן געצאלט שכר לימוד - וואלט אזא זאך נישט פאסירט.

עס איז נישט גערעכט ווען מען געבט אויס געלט בשעת מען קומט געלט פאר שכר לימוד; רוף אריין אין אפיס און באצאל דיין חוב און צאל אויף פאראויס.

נאך א זאך, לערן די בלאט גמרא יעדן טאג, די היינטיגע דף איז מסכת קדושין דף עג; זיי נישט מוותר אויף דעם, זאל זיין וואס זאל זיין.

אם ירצה השם קומענדיגע וואך וועלן מיר מסיים זיין מסכת קדושין, חצי ש"ס.

דעם שבת וועל איך אם ירצה השם זיין אין וויליאמסבורג.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

## דו קענסט נאך האבן א זיסע לעבן

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת לך לך, י' מר-חשון, שנת תשפ"ד לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ליבער ... נרו יאיר**

פארליר זיך נישט, געב נישט אויף, דו קענסט נאך האבן א זיסע לעבן מיט דיין ווייב. איך וויל רעדן מיט אייך ביידע, בדרך כלל נעם איך אויף זונטאג. לאז מיר וויסן אויב איר קענט קומען אינאיינעם, איך וועל מאכן צייט פאר ענק.

שְׁטַארְק זִיךְ, גֵיי אִין שׁוּל יֶעדְן טָאג דַאוֶוענֶען דִי דְרַיי תְּפִילוֹת, אוֹיף דֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ פַארְלַייגְן. אֲפִילוּ עֶס אִיז שְׁוֶוער, אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט אָפְּגֶעמַאטֶערְט אוּן דוּ ווִילְסְט גֵיין שְׁלָאפְן - גֵיי דַאוֶוען מַעֲרִיב דַוְקָא אִין שׁוּל, אַזוֹי אוֹיךְ אִינְדֶערְפְרִי זָאלְסְטוּ נִישְׁט גֵיין אַרְבֶּעטְן - נָאר נָאכְן דַאוֶוענֶען.

אַלֶעס וֶועט גֵיין אַנְדֶערְשׁ, דִי לֶעבְן וֶוערְט אַזוֹי גוּט וֶוען מֶען נֶעמְט אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועסְט זֶען אַ יְשׁוּעָה אִין יֶעדֶע פְּרַט.

לְמַעַן הַשֵּׁם זָאלְסְטוּ טוּן וָואס שְׁטֵייט אִינֶעם בְּרִיוו, וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין.

מִיר עֶנְדִיגְן יֶעצְט מַסֶּכֶת קִידוּשִׁין אוּן מִיר הוֹיבְּן אָן מַסֶּכֶת בָּבָא קַמָּא, כַאפּ זִיךְ מִיט, לֶערְן יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא.

...

### קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דִי וֶוייטָאג פוּן אַ בָּחוּר וָואס ווִיל חֲתוּנָה הָאבְּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, י׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיינֶע בְּרִיוו.

וָואס קֶען אִיךְ דִיר זָאגְן? וָואס אִיז דָא צוּ זָאגְן? דִי צַעַר פוּן אַ בָּחוּר אִיז נִישְׁט צוּ פַארְשְׁטֵיין, עַד כְּדֵי כַּךְ, מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט (אֶרֶךְ אַפַּיִם, אוֹת סַבְלָנוּת לְבָחוּר): ״אֵין צַעַר כְּצַעֲרוֹ שֶׁל בָּחוּר, וְאַף אֶחָד בָּעוֹלָם מֵבִין אֶת הַצַּעַר שֶׁל רַוָּק״, קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דִי וֶוייטָאג פוּן אַ בָּחוּר וָואס ווִיל חֲתוּנָה אוּן ווִיל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן בִּשְׁמִירַת הַבְּרִית - אוּן עֶס גֵייט אִים נִישְׁט, עֶר הַאלְט אִין אֵיין פוֹּגֵם זַיין רַחֲמָנָא לִצְּלָן.

גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת יֶעדְן טָאג אוּן וֵויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר. בֶּעט אִין דַיין שְׁפְּרַאךְ, אִין אִידִישׁ, אֵייגְן גֶעמַאכְטֶע תְּפִילוֹת. לָאז נִישְׁט אָפּ דִי שְׁוֶוערְד פוּן תְּפִלָּה - וֶועסְטוּ מְנַצֵּחַ זַיין, וֶועסְט אַרָאפְּנֶעמֶען אַלֶע דִינִים פוּן דִיר אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ אַ שִׁידוּךְ בְּקָרוֹב.

הַאלְט זִיךְ פְרִישׁ, לָאז זִיךְ נִישְׁט נָאךְ. בַּייט יֶעדְן טָאג דִי וֶועשׁ, גֵיי נִישְׁט צְוֵויי טֶעג מִיט דִי זֶעלְבֶּע וֶועשׁ.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ אָפְּוַואשְׁן יֶעדְן טָאג אוּן זִיךְ צוּזַאמְנֶעמֶען דִי פֵּיאוֹת, דִי בָּארְד.

גֵיי אָנְגֶעטוּן רֵיין, אָן קַיין פְלֶעקְן.

...

## דִי שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מַלְאָכִים וָואס קוּמֶען צוּם מֶענְטְשׁ וָואס שְׁמִירְט דִי נֶעגְל

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת לֶךְ לְךָ, י׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיר הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן חִיזוּק אוֹיף נִישְׁט שְׁמִירְן דִי נֶעגְל, עֶס קָאכְט אִין אַייךְ אַ פֵייעֶר צוּרִיק אָנְהוֹיבְּן שְׁמִירְן דִי נֶעגְל; וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן, וָואלְט אִיר גֶעזֶעְן דִי שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מַלְאָכִים וָואס קוּמֶען צוּם מֶענְטְשׁ וָואס שְׁמִירְט דִי נֶעגְל - וָואלְט אִיר גֶע׳חַלֶשְׁ׳ט פוּן גְרוֹיס פַּחַד; וָואלְט אִיר גֶעזֶעְן דִי גְרוֹיסֶע פַארְצִיקֶנְדֶע וֶועלְף וָואס רִינְגְלֶען אַרוּם דִי מֵיידְל אוּן פְרוֹי וָואס שְׁמִירְט דִי נֶעגְל - וָואלְט אִיר פוּן פַּחַד גֶעשְׁטָארְבְּן; אִיז וָואס ווִילְט אִיר הָאבְּן דִי צָרוֹת? וָואס דַארְפְט אִיר אַרוּם אַייךְ דִי קְלִיפּוֹת, שֵׁדִים?

עֶנְדֶערְשׁ הוֹיבְּט אָן - אַנְשְׁטָאט שְׁמִירְן דִי נֶעגְל - מַאכְט נֶעגְל וַואסֶער; זַייט מַקְפִּיד נִישְׁט אַרָאפְּגֵיין פוּן בֶּעט אָן אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער. אוֹיךְ אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער, וֶועלְן זֵיי אוֹיפְוַואקְסְן עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג.

זַייט שְׁטַארְק מִיט אַייעֶר נֶדֶר, וָואס אִיר הָאט צוּגֶעזָאגְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן נִישְׁט צוּ שְׁמִירְן דִי נֶעגְל; בִּזְכוּת דֶעם וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ זִיצְן אִין גַן עֵדֶן מִיט דִי עֶרְלִיכֶע הֵיילִיגֶע אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן.

...

## נָאכְן אַלֶעס פַארְלִירְן, זָאל מֶען בְּלַייבְּן פְרֵיילִיךְ אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, י׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, מָאנְסִי**

הָעִקָּר מַה שֶּׁקּוֹרִין ״זִיךְ דֶערְהַאלְטְן״; דָאס אִיז דִי שֵׁיינְקֵייט אוּן גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם אִיד, וֶוען עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ אוּן גֵייט נִישְׁט אַוֶועק פוּן דִי אֱמוּנָה.

מוֹהֲרָא״ש דֶערְצֵיילְט פוּנֶעם חָסִיד רֶבִּי מֶענְדְל פּוֹטֶערְפַאס זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה מֵחֲסִידֵי חַבַּ״ד, עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין סִיבִּיר. עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהַאט, נִישְׁט קַיין שׁוֹפָר, נִישְׁט קַיין ד׳ מִינִים, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט ׳אַ סוּכָּה קֶען אִיךְ מַאכְן׳, עֶר הָאט שְׁוֶוער גֶעאַרְבֶּעט צוּזַאמְצוּנֶעמֶען צְוַוייגְן אוּן שְׁטִילֶערְהֵייט גֶעבּוֹיט אַ קְלֵיינֶע סוּכָּה׳לֶע. סוּכּוֹת בַּיינַאכְט, קֵיינֶער זֶעט נִישְׁט, גֵייט עֶר שְׁטִילֶערְהֵייט צוּם סוּכָּה מִיט אַ שְׁטִיקְל בְּרוֹיט, מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה פוּן (וַיִּקְרָא כג, מב): ״בַּסֻּכֹּת תֵּשְׁבוּ שִׁבְעַת יָמִים, כָּל הָאֶזְרָח בְּיִשְׂרָאֵל יֵשְׁבוּ בַּסֻּכֹּת״, אוּן עֶר זֶעט נִישְׁט קַיין שׁוּם שְׁפִּיר פוּן אַ סוּכָּה... זֶעט אוֹיס אַ וִוינְט הָאט דָאס צֶעוָוארְפְן, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן... הָאט רֶבִּי מֶענְדְל זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה גֶעטְרַאכְט: ׳אַ שׁוֹפָר הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעהַאט, אוֹיךְ נִישְׁט קַיין אֶתְרוֹג, לוּלָב וְכוּ׳, אוֹיךְ נִישְׁט אַ סוּכָּה, נָאךְ אֵיין זַאךְ הָאבּ אִיךְ, אִיךְ קֶען זַיין פְרֵיילִיךְ, מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה פוּן שִׂמְחָה, זָאל אִיךְ יֶעצְט דָאס אוֹיךְ נִישְׁט טוּן?׳ הָאט עֶר אָנְגֶעפַאנְגֶען טַאנְצְן.

דָאס אִיז אַ טִיפֶער לִימּוּד פַאר אוּנְז, אַז מִיר זֶעעֶן זִיךְ מִיר הָאבְּן גָארְנִישְׁט, מִיר הָאבְּן אַלֶעס פַארְלוֹירְן - זָאל מֶען בְּלַייבְּן פְרֵיילִיךְ אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה.

...

## וֶועק זִיךְ אוֹיף, גֵיי אִין שׁוּל, טוּ אָן תְּפִילִין, אוּן גֵיי מִיט אַ טַלִּית קָטָן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, י' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרְער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, וֶועק זִיךְ אוֹיף, הוֹיבּ אָן צוּרִיק צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; גֵיי אִין שׁוּל יֶעדְן טָאג, טוּ אָן דִי הֵיילִיגֶע תְּפִלִּין, אוֹיךְ גֵיי מִיט אַ טַלִּית קָטָן.

זָאלְסְט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין צוּ גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶונֶען דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת, שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב. דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (וַיֵּרָא, דַף קה.), אוֹיפְן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית יח, לב): "לֹא אַשְׁחִית בַּעֲבוּר הָעֲשָׂרָה", אוֹיבּ אַ אִיד קוּמְט אִין שׁוּל דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער 'אִיךְ וֶועל אִים נִישְׁט שְׁטְרָאפְן בְּדִינוֹ שֶׁל גֵיהִנּוֹם, 'בַּעֲבוּר הָעֲשָׂרָה', בִּזְכוּת דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן".

נָאךְ אַבִּיסְל גֵייסְטוּ מַאכְן פֵּיאוֹת פַּאר דַיין זוּן נֵרוֹ יָאִיר, אוּן אִים אָנְטוּן אַ טַלִּית קָטָן; דַארְף דֶער טַאטֶע גֵיין מִיט אַ טַלִּית קָטָן, אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין גוּטֶע אִידְן.

שְׁרַייבּ מִיר צוּרִיק אוֹיבּ דוּ גֵייסְט שׁוֹין צוּרִיק אִין שׁוּל דַאוֶונֶען אוּן אָנְטוּן תְּפִלִּין.

דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס לִיבּ דִיךְ.

...

## זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, י"א מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים; דֶער רֶבִּי הָאט אַ כֹּחַ, עֶר נֶעמְט אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גָאר וַוייט פוּן קְדוּשָׁה, וָואס לִיגְט אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית - אוּן אִיז אִים מְקָרֵב צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן ש"י וּבְהַשְׁמָטוֹת): "כַּמָּה צֶלֶם אֱלֹקִים הָיוּ מֻנָּחִים בָּרֶפֶשׁ, שֶׁאֲנִי

הוֹצֵאתִים מֵהָרֶפֶשׁ וְהַטִּיט שֶׁהָיוּ שָׁם", עֶס זֶענֶען דָא פוּן מַיינֶע מֶענְטְשְׁן וָואס אִיךְ הָאבּ זֵיי אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן בְּלָאטֶע אוּן הָאבְּן הַיינְט אַ צֶלֶם אֱלֹקִים, "הֲלֹא יֵשׁ אֶצְלִי אֲנָשִׁים שֶׁאֵינִי יוֹדֵעַ אִם הַשְּׁאוֹל תַּחְתִּיּוֹת הָיָה דַּי לָהֶם", אִיךְ הָאבּ דָא פוּן מַיינֶע מֶענְטְשְׁן וָואס אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ דֶער שְׁאוֹל תַּחְתִּית וָואלְט גֶענוּג גֶעוֶוען פַאר זֵיי, "כִּי גַּם הַשְּׁאוֹל תַּחְתִּיּוֹת הָיָה קָטָן לִפְנֵיהֶם", דֶער שְׁאוֹל תַּחְתִּית אִיז וֵויינִיג גֶעזָאגְט, "שֶׁאִם הָיָה אֶפְשָׁר לָהֶם לַחְתֹּר תַּחַת שְׁאוֹל תַּחְתִּית הָיוּ חוֹתְרִים", וֶוען מֶען וָואלְט וֶוען גֶעקֶענְט אוֹיפְגְרָאבְּן אַ טִיפֶערֶע פְּלַאץ פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית - וָואלְט מֶען דָאס וֶוען גֶעדַארְפְט טוּן פַאר זֵיי, "וְעַל יָדִי נִתְקָרְבוּ אֵלָיו יִתְבָּרַךְ בְּהִתְקָרְבוּת כָּזֶה שֶׁאֵין לָהֶם לְהִתְבַּיֵּשׁ מִצַּדִּיקִים גְּדוֹלִים", אוּן דוּרְךְ מִיר זֶענֶען זֵיי צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וֶוערְן אַזֶעלְכֶע צַדִּיקִים אַז זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט וָואס צוּ שֶׁעמֶען פוּן דִי גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים.

הַיינְט נַאכְט וֶועט פָארְקוּמֶען דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר אִין יְשִׁיבָה, אוֹיךְ וֶועט מֶען דָאס קֶענֶען מִיטְהַאלְטְן אִין שְׁטֶעטְל, אוֹיךְ אִין מָאנְסִי, קִרְיַת יוֹאֵל, לֶעיקְוָואד, סְטֶעטְן אַיילֶענְד, לִינְדֶען אוּן אִין טָאהשׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**עֶס לוֹינְט נִישְׁט רֵייכֶערְן, אַז מֶען פַארְלִירְט דִי שָׁלוֹם בַּיִת**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, י"א מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס לוֹינְט נִישְׁט רֵייכֶערְן אַז מֶען פַארְלִירְט דִי שָׁלוֹם בַּיִת; אַז עֶס שְׁטֶערְט דַיין וַוייבּ אַזוֹי שְׁטַארְק אַז דוּ רֵייכֶערְסְט דִי צִיגַארֶעטְל אוּן דִי לֶעקְטֶערִיק צִיגַארֶעטְל, יֶעדֶע מָאל דוּ רֵייכֶערְסְט גֵייט זִי אַרַיין אִין אַ שְׁלֶעכְטֶע גוּסְטֶע - לוֹינְט נִישְׁט דִי גַאנְצֶע זַאךְ.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט קֶענֶען אָנְקוּמֶען צוּ פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן אוּן נִישְׁט רֵייכֶערְן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רעג, תעב).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### בַּאצָאל דַיין גַאנְצֶע חוֹב פוּן שְׂכַר לִימוּד

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת לֶךְ לְךָ, י״א מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר**

שְׂכַר לִימוּד קוּמְט פַאר אַלֶעס, וַוייל אַז דַיין קִינְדְ׳ס מְלַמֵּד בַּאקוּמְט נִישְׁט בַּאצָאלְט - קֶען עֶר נִישְׁט זִיצְן מִיט דַיין קִינְד מִיט יִשּׁוּב הַדַּעַת; ווִי אַזוֹי קֶען עֶר לֶערְנֶען אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער וָואךְ נָאךְ וָואךְ אוּן עֶר בַּאקוּמְט נִישְׁט זַיין גֶעהַאלְט?! (שׁוֹין אַפָּאר וָואכְן וָואס אִיךְ בִּין נִישְׁט מְסוּגָל צוּ צָאלְן אוּנְזֶערֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע), וָואלְטְן דִי עֶלְטֶערְן גֶעצָאלְט שְׂכַר לִימוּד - וָואלְט דָאס נִישְׁט פַּאסִירְט.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, בַּאצָאל דַיין גַאנְצֶע חוֹב פוּן שְׂכַר לִימוּד, בָּארְג גֶעלְט צוּ בַּאצָאלְן דַיין חוֹב; שְׂכַר לִימוּד אִיז נִישְׁט קַיין ווִיץ, שְׂכַר לִימוּד אִיז קוֹדֶשׁ קָדָשִׁים. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ הֶעלְפְן דֶעם אַדְמִינִיסְטְרַאטָאר הָאַבְרֵךְ רְפָאֵל נֵרוֹ יָאִיר מִיט וָואס דוּ קֶענְסְט נָאר, צוּ הֶעלְפְן דִי מוֹסָד, וַוייל אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם עֶס וֶועט וַוייטֶער גֵיין אַזוֹי - הָאבְּן מִיר גָארְנִישְׁט; אָן דִי מוֹסָד אִיז גָארְנִישְׁט דָא, אוּנְזֶער הַצְלָחָה אִיז דִי מוֹסָד.

אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן, אִיךְ דַארְף לוֹיפְן צוּ דִי בָּחוּרִים; זֵיי וַוארְטְן אוֹיף אַבִּיסְל חִיזּוּק, זֵיי זֶענֶען אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, זֵיי ווִילְן חֲתוּנָה הָאבְּן, אוּן קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט זֵיי נִישְׁט.

רֶעד שֵׁיין אִין שְׁטוּבּ, גֶעבּ גוּטֶע וֶוערְטֶער, אוּן אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט רֶעדְן, בִּיסְט אַ טְרוּקֶענֶער, אַ פַארְמַאכְטֶער - זָאלְסְטוּ דָאס דֶערְצֵיילְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן בֶּעטְן פַאר דֶעם, בִּיז דוּ וֶועסְט קֶענֶען זִיךְ עֶפֶענֶען אוּן שֵׁיין רֶעדְן אִין שְׁטוּבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...